DC
350
.R68
v.2

סאנטא קאזעריא.

1022455-221

קאזעריא׳ס אטענטאט אויף דעם פרעזידענט קארנא.

די הינריכטונג פֿון עמיל האַנרי האָט געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק אויף די פּאַריזער בעפֿעלקערונג. איבערראַשט דערפֿון איז קיינער ניט געוועזן, ווי עס איז געוועזן דער פֿאַל נאָך דער פֿעראורטהיילונג פֿון אָגיסט וואַיאַן. וואַיאַן׳ס פֿעראורטהיילונג און הינריכטונג האָט אַרויסגערופֿען אַ שטאַרקען פּראָטעסט אין ווייטע קרייזען פֿון דער פּראַנצויזישער בעפֿעלקערונג, דערפֿאַר וואָס ער האָט קיינעם ניט געטויטעט און ניט געוואָלט טויטען, ווי ער אַליין האָט ערקלעהרט. עמיל האַנרי האָט געטויטעט און געוואָלט טויטען, און דערפֿאַר האָט דער טויטעס-אורטהייל קיינעם ניט איבערראַשט. און דאָך האָט די נאַכריכט פֿון זיין הינריכטונג געמאַכט אַ געפֿעהרליכען איינדרוק אין אַלע קרייזען פֿון דער פּאַריזער געזעלשאַפֿט, דען אַלע האָבען געפֿיהלט די אונזעהבאַרע געפֿאַהר פֿון נייע טעראָריסטישע אַקטען. עמיל האַנרי׳ס רעדע האָט די בורזשואַזיע מעהר טעראָריזירט ווי זיינע טהאַטען. זיינע ווערטער האָבען געווירקט ווי אַן אייזקאַלטע האַנד, וועלכע לייגט זיך פּלוצלינג אויף די הערצער פֿון די צוהערער. די קאַלטע און שניידענדע לאָגיק, אויף וועלכע ער האָט געגרינדעט זיין שרעקליכע אָנקלאַגע געגען די פֿערברעכען פֿון דער בורזשואַזיע, האָט געמאַכט אַ טיעפֿערען איינדרוק ווי דער ערגסטער רעוואָלוציאָנערער פֿאַנאַטיזמוס וואָלט געוועזן אימשטאַנד עס צו טהון.

די פּאָליציי האָט געאַרבייט טאָג און נאַכט. גאַנצע אַרמעען פֿון שפּיאָנען האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דער בעוואַכונג פֿון די אַנאַרכיסטען. אַלע פֿערזאַמלונגען זיינען אונטערדריקט געוואָרען,

מען האָט קאָנפֿיסצירט די אַנאַרכיסטישע צייטונגען און בראָשורען, אָבער דאָס אַלעס האָט די הערשענדע קלאַסע ניט געקענט בערוהיגען, זי האָט געפֿיהלט די אונמעכטיגקייט פֿון אַלע דיזע מאַסרעגלען.

נאָך דער הינריכטונג פֿון וואַיאַן איז סאַדי קאַרנאָ, דער פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק אָפֿט געוואָרענט געוואָרען פֿאַר אַן אַטענטאַט אויף זיין פּערזאָן. די פּאָליטישע פּאָליציי האָט איהם בעגלייט אויף שריט און טריט, אום צו פֿערהינדערן יעדע אַטאַקע אויף זיין פּערזאָן. מען האָט זיך שטאַרק גערעכענט מיט דער וואַהרשיינליכקייט פֿון אַן אַטענטאַט, דען קאַרנאָ'ס שטעלונג אין דער אַפֿערע וואַיאַן איז געווען אַזוי אונמענשליך און גרויזאַם, אַז מאַנכע צייטונגען, ווי צ. ב. ש. די „פּאַרטיע אוואַווריע" האָבען דירעקט פּראָפֿעצייט אַן אַטענטאַט אויף דעם פּרעזידענט. אָבער נאָך האַנרי'ס טהאַט האָבען מאַנכע געגלויבט, אַז דער טעראָריזמוס פֿון די אַנאַרכיסטען געהט זיך אויסקלייבען אַנדערע אָפּפֿער.

פלוצלינג, אַם 24טען יוני 1894, פּונקט אַ מאָנאַט נאָך דער הינריכטונג פֿון עמיל האַנרי, איז גאַנץ פֿראַנקרייך, די גאַנצע וועלט איבערראַשט געוואָרען דורך די נאַכריכט, אַז סאַדי קאַרנאָ איז דערשטאָכען געוואָרען אין ליאָן. דיזע נאַכריכט האָט געמאַכט אַ שרעקליכען איינדרוק אויף די הערשענדע און רעגירענדע קלאַסען אין פֿראַנקרייך, זי האָט געוואָרפֿען אַ מורא אויף די גאַנצע בורזשואַזע געזעלשאַפֿט, און אָבוואָהל יעדער איינער איז פֿון אַנפֿאַנג אָן פֿעסט איבערצייגט געווען, אַז דער אַטענטאַט איז אויסגעפֿיהרט געוואָרען פֿון אַן אַנאַרכיסט, האָט מען דאָך ערשט אַם דריטען טאָג נאָך דעם אַטענטאַט צוגעגעבען אין דער פּרעסע, אַז דער אַטענטעטער איז אַן אַנאַרכיסט. דאָס וואָרט אַנאַרכיזמוס איז געלעגען ווי אַ שווערע לאַסט אויף אַלע הערצער, אָבער מען האָט פשוט ניט געהאַט דעם מוטה עס אַרויסצורייִדען.

אַלעס וואָס די ערשטע טעלעגראַמען האָבען בעריכטעט איז געווען דער פֿאַקט, אַז דער פּרעזידענט איז ערמאָרדעט געוואָרען פֿון אַן איטאַליענער. פֿיעלע צייטונגען האָבען זאָגאַר פֿערזוכט צו

ערקלעהרען דיזע טהאַט אַלס די פֿאָלגע פֿון די בלוטיגע פּאַסירונגען אין אייג־מאָר. אין דיזע קליינע פֿראַנצויזישע שטעדטעל האָט מיט אַ קורצע צייט בעפֿאָר שטאַטגעפֿונען אַ בלוטיגער קאַמפּף צווישען אונוויסענדע פֿראַנצויזישע און איטאַליענישע אַרבייטער, דורך וועלכען אייניגע איטאַליענער זיינען געטויטעט געוואָרען. און דערפֿאַר האָבען די צייטונגען בעריכטעט, אַז דער אַטענטעטער פֿון ליאָן האָט געוואָלט נעהמען ראַכע פֿאַר זיינע ערמאָרדעטע לאַנדסלייט. אָבער דיזע נאַכריכט איז איבעראַל זעהר סקעפּטיש אויפֿגענומען געוואָרען, און אַם דריטען טאָג נאָך דעם אַטענטאַט האָט זיך ענדליך דורכגעבראָכען די וואַהרהייט: די פּרעסע האָט רעפּאָרטירט אַז דער אַטענטעטער איז אַ יונגער איטאַליענישער אַנאַרכיסט, וועלכער האָט ערקלעהרט פֿאַר דעם אונטערזוכונגס־ריכטער, אַז ער האט געוואָלט נעהמען ראַכע פֿאַר די היגריכטונג פֿון אָגיסט וואַיאַן און עמיל האַנרי.

דאָס אַטענטאַט האָט זיך אָבגעשפּיעלט אויף אַזאַ מין שטייגער: אין ליאָן האָט שטאַטגעפֿונען אַ גרויסע אויסשטעלונג און דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק איז ספּעציעל געקומען קיין ליאָן איהר צו עפֿענען. די הערשענדע קלאַסע האָט צו דיזען צוועק אַראַנזשירט אַ גאַנצען יום טוב, אַזוי ווי דאָס איז שטענדיג דער פֿאַל ביי עהנליכע געלעגענהייטען. מען האָט אויסגעאַרבייט אַ גאַנצען פּראָגראַם און ווען דער פּרעזידענט איז נעפֿאָהרען אין זיין קאַרעטע דורך די רי דע לאַ רעפּיבליק, האָבען איהם ערוואַרטעט טויזענדער צושויער און געשריען הוראַ. אויסער דעם פּרעזידענט זיינען אין דער קאַרעטע נאָך געזעסען דריי אַנדערע פּערזאָנען, דער בירגערמייסטער פֿון ליאָן און צוויי גענעראַלען. די קאַרעטע איז אַרומגערינגעלט געווען מיט קאַוואַלעריסטען און פֿון צאָהלרייכע אַגענטען פֿון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

פּלוצלינג האָט זיך אַ יונגער מאַן דורכגעבראָכען אַ וועג צו דער קאַרעטע. אין זיין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ שטיק פּאַפּיר, אונטער וועלכען ער האָט בעהאַלטען אַ שאַרפֿען קינזשאַל. שנעל ווי דער בליץ איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויף דער קאַרעטע און האָט דעם פּרעזידענט זיין מעסער אַריינגעשטעקט אין ברוסט מיט

זיין גאַנצער קראַפט, אויסרופענדיג דערביי: „עס לעבע די רעוואָ־לוציאָן!" די גאַנצע טהאַט איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין איינינע סעקונדען. מען האָט אפילו ניט בעמערקט, אַז קאַרנאָ איז פערוואונדעט געוואָרען, און דער יונגער אַטענטעטער איז אויף ניך אַראָבגעשפרונגען פון דער קאַרעטע, אַריבערגעלאָפען די גאַס און וואָלט זיכער פון קיינעם ניט צוריקגעהאַלטען געוואָרען, ווען ער וואָלט זיך ניט אַליין אַרויסגעגעבען, אויסשרייענדיג „וויוו ל'אַנאַרשיע!"

ערשט דאַן איז מען געוואָרען אויפמערקזאַם, און שנעל ווי דער בליץ האָט זיך פערשפרייט די נאַכריכט, אַז מען האָט געמאַכט אַן אַטענטאַט אויף דעם פרעזידענט. דער אַטענטעטער איז נאַטירליך באַלד אַרעסטירט געוואָרען, און די פאָליציי האָט איהם געמוזט שיצען פאַר די אַטאַקען פון דעם פאַטריאָטישען פעבעל, וועלכער בעהערשט אימער די גאַסען ביי אַזעלכע געלע־גענהייטען.

מען האָט דעם פרעזידענט זאָפאָרט טראַנספאָרטירט אין אַ הויז, די דאָקטוירים האָבען אַנגעווענדעט אַלע מיטלען, אָבער זייער קונסט איז געווען אומזיסט. די וואונד איז געווען 16 סאַנ־טימעטער טיעף און מיט דריי שטונדען שפעטער איז סאַדי קאַרנאָ געשטאָרבען.

די אויפרעגונג איז געווען אַ געוואַלטיגע, דען דיזעס מאָל האָט דער טעראָריסטישער אַקט דירעקט געטראָפען דעם קאָפּ פון דער רעפובליק און די טהאַט אַלס אַזעלכע איז געווען פון דער גרעסטער פאָליטישער בעדייטונג. די פאַטריאָטישע פרעסע האָט נאַטירליך בעאַרבייט די זאָגענאַנטע עפענטליכע מיינונג מיט אַלע מיטלען. זי האָט פערעפענטליכט די ערגסטע ליגענס און פערלוימדונגען, ערפונדען לעכערליכע בעריכטען פון אַנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציעס א. ז. וו., און ווען מען האָט אַ קוק געטהאָן אין די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, האָט מען געקענט גלויבען, אַז גאַנץ פראַנקרייך שווימט אין אַ ים פון טרערען, און אַלע הערצער זיינען אָנגעפילט מיט שמערץ און טרויער, דערפאַר וואָס די „רעפובליק האָט פערלאָרען איהר ערשטען בירגער."

אין דער ווירקליכקייט איז די גאַנצע געשיכטע ניט מעהר

געווען ווי אַ קאָמעדיע, דען די גרויסע מאַסע פֿון די פֿראַנצויזישע אַרבייטער האָבען איבערהויפּט ניט געהאַט קיין סימפּאַטהיע צו קאַרנאָ און זיינע שטאַאַטס-מענער, וועלכע זיינען אַזוי שרעקליך קאָמפּראָמיטירט געוואָרען דורך די פּאַנאַמאַ-אַפֿערע. און אויסער-דעם האָט די גרויזאַמע הינריכטונג פֿון וואַיאַן פֿערניכטעט דעם לעצטען רעסט פֿון פּאָפּולאַריטעט, וועלכע קאַרנאָ האָט פֿילייכט נאָך געהאַט ביי די מאַסען. ווי גרויס עס איז געווען דער נאַציאָ-נאַלער טרויער, דאָס איז בעוויזען געוואָרען דורך די דוצענדער פּראָצעסען, וועלכע האָבען שטאַטגעפֿונען נאָך דעם ליאָנער אַטענטאַט נעגען אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געווען גענוג אונפֿאָרזיכטיג עפֿענטליך אויסצודריקען זייער סימפּאַטהיע מיט דער טהאַט אין ליאָן.

אויך די צאָהלרייכע נעקראָלאָגען און לעבענס-בעשרייבונגען, וועלכע די בעצאָהלטע אַגענטען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע האָבען פֿערעפֿענטליכט איבער סאַדי קאַרנאָ און אין וועלכע מען האָט איהם פֿאָרגעשטעלט אַלס אַן אויסערגעוועהנליכען כאַראַקטער, אַ געניאַלען שטאַאַטס-מאַן א. ז. וו. זיינען מעהר ניט געווען ווי אַן עקעלהאַפֿטער היפּאָקריטישער שווינדעל. דיזעלבע צייטונגען, וועלכע האָבען פֿריהער קאַרנאָ אַטאַקירט יעדען טאָג און איהם פֿאָרגעוואָרפֿען די ערנסטע זאַכען, האָבען איהם נאָך זיין טויט פֿאָרגעשטעלט אַלס אַן אמת'ן מלאך, אַ מענש, וועלכער איז געווען די פֿערקערפּערונג פֿון פּאָליטישער עהרליכקייט און אויפֿ-ריכטיגקייט א.ז.וו.

אין דער ווירקליכקייט איז קאַרנאָ געווען אַ גאַנץ מיטעלמע-סיגער כאַראַקטער, אַ געטרייער דיענער פֿון דער הערשענדער קלאַסע, וועלכער האָט זיך שטענדיג אונטערוואָרפֿען צו איהרע בעשליסע. גראַדע די וואַיאַן-אַפֿערע האָט אונז אַם דייטליכסטען בעוויזען, אַז קאַרנאָ איז ניט מעהר געווען ווי אַ פּראָסטער אויטאָ-מאַט פֿון דער בורזשואַזיע. צו ריידען פֿון זיינע פֿעהיגקייטען אַלס דיפּלאָמאַט און שטאַאַטס-מאַן, איז איינפֿאַך לעכערליך, דערפֿאַר ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט אַזעלכע פֿעהיגקייטען. גראַדע זיין אונפֿעהינקייט איז געווען די אורזאַכע, וואַרום *מען האָט איהם*

געוועהלט אַלס פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק. ווען די פּרעזידענטשאַפֿטס־וואַהלען האָבען נעמליך שטאַטגעפֿונען, האָט מען אַלגעמיין געגלויבט, אַז דער רעאַקציאָנער פֿערע וועט ווערן פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק. דיזע נאַכריכט האָט אַרויסגערופֿען אַ שרעקליכע אויפֿרעגונג צווישען דער פֿראַנצויזישער אַרבייטער־בעפֿעלקערונג און די בלאַנקיסטען און אַנדערע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען האָבען בעשלאָסען צו אָרגאַניזירען אַן אויפֿשטאַנד אין פּאַריז, אויב מען וועט אָננעהמען די וואַהל פֿון פֿערע׳ן. אין דיזער פּערלעגענהייט האָט דער סענאַט אויסגעקליבען קאַרנאָ אַלס פּרעזידענט, וועלכער איז גאַנץ אונבעקאַנט געווען, און פֿון וועלכען מען האָט גאָר געוואוסט, אַז זיין זיידע האָט געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער גרויסער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן.

סאַדי קאַרנאָ איז געווען אַ מיטעלמעסיגער גייסט און אַ מיטעלמעסיגער כאַראַקטער, אַ ריכטיגער טיפּ פֿון אַ בורזשואַזען קרעמער. אונטער אַנדערע אומשטענדען וואָלט זיכער קיינעם ניט געקומען אויף׳ן געדאַנק צו מאַכען אַן אַטענטאַט אויף איהם, אָבער ער איז געווען דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, דער העכסטער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער הערשענדער קלאַסע, און דורך זיין סאָציאַלע שטעלונג האָט ער אַליין גענומען אויף זיך די פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר אַלע פֿערברעכען פֿון דער בורזשואַזיע, פֿאָלגליך האָט ער געמוזט טראָגען די „קאָנסעקווענצען פֿון זיין האַנדווערק". מען דערצעהלט פֿון דעם איטאַליענישען קעניג הומבערט, וועלכער איז געפֿאַלען דורך די האַנד פֿון דעם אַגאַרכיסט געטאַנאָ ברעשי, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט צו איינינע זשורנאַליסטען די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, אַז אַן אַטענטאַט בעלאַנגט צום קעניגליכען האַנדווערק. אויך קאַרנאָ האָט געמוזט לערנען דיזע וואַהרהייט, וועלכע האָט איהם אין דערזעלבער צייט געקאָסט דאָס לעבען.

* * *

נאָך דעם ליאָנער אַטענטאַט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ שרעקליכע רעאַקציאָן אין גאַנץ פֿראַנקרייך, וועלכע האָט געפֿונען איהר אויסדרוק אין דער וואַהל פֿון קאַזימיר פּעריע אַלס פּרעזידענט

פֿון דער רעפּובליק. אַלע אַנאַרכיסטישע צייטונגען זיינען אונטער־
דריקט געוואָרען. די בעסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון דעם אַנאַר־
כיזמוס האָט מען אַרעסטירט. דאָס רעאַקציאָנערע מיניסטעריום
דיפּואי האָט אויסגעאַרבייט איינע פֿון די שענדליכסטע אויס־
נאַהמע־געזעצע געגען די אַנאַרכיסטען. לויט דיזען געזעץ איז
יעדע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציאָן בעטראַכטעט געוואָרען אַלס
אַן "Association de malfaiteur„ אַ געזעלשאַפֿט פֿון פֿערברע־
כער. דורך דיזעם געזעץ איז יעדע עפֿענטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ
געווען אונמעגליך. אין דערזעלבער צייט האָט דאָס געזעץ אויך
פֿערבאָטען דער פּרעסע צו פֿערעפֿענטליכען די פֿערטהיידיגונגס־
רעדען פֿון אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטען.

נאָר הויפּטזעכליך האָט מען געוואָלט טרעפֿען די וויכטיגסטע
פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון'ם אַנאַרכיזמוס. דערפֿאַר האָט מען אַרעס־
טירט מענער ווי סעבאַסטיאַן פֿאָר, זשאַן גראַוו, קאָנסטאַן מאַטען,
מאַטהאַ, באַסטאַר און פֿיעלע אַנדערע און אָרגאַניזירט דעם
בעריהמטען פּראָצעס פֿון די דרייסיג, פֿון וועלכען מיר וועלען נאָך
שפּעטער רעדען. עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז קאַזימיר
פּעריע, דיפּואי און די גאַנצע רעאַקציאָנערע קליק האָבען גע־
האַט די פֿעסטע אַבזיכט צו שיקען דיזע מענער אויף די „טרו-
קענע גיליאָטינע" פֿון קאַיען, און ווען דיזער פּלאַן איז ניט אויס-
געפֿיהרט געוואָרען, איז עס זיכער ניט געווען זייער שולד.

עס איז געווען אַ שרעקליכע צייט, אָבער די פֿראַנצויזישע
אַנאַרכיסטען האָבען זיך ניט אָבגעשראָקען פֿאַר די ווילדע מאַס-
רעגלען פֿון זייערע פֿיינד, און ווען מען האָט זיי פֿערהינדערט צו
אַגיטירען, אין דער עפֿענטליכקייט, האָבען זיי אָנגעפֿיהרט אַ
געהיימע פּראָפּאַגאַנדאַ, ביז זיי האָבען ענדליך דורכגעבראָכען די
געזעצליכע בעשטימונגען פֿון זייערע געגנער און זיך ווידער
ערָאָבערט זייער פּלאַץ אין דער עפֿענטליכקייט. די רעאַקציאָנערע
געזעצע געגען די אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען
אונטער דער הערשאַפֿט פֿון פּעריע און דיפּואי, עקזיסטירען נאָך
הייגט צו טאָג, אָבער זיי זיינען גיט מעהר ווי אַ טויטער בוכ-
שטאַב. מען האָט שוין עטליכע מאָל פֿערזוכט זיי אָבצושאַפֿען,

אָבער אַלע פּערזוכע זיינען ביז יעצט דורכגעפאַלען, דערפאַר וואָס זאָגאַר זאָגענאַנטע סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטען האָבען נעשטימט נעגען דער אָבשאַפונג, צוליעב „טאַקטישע אורזאַכען".

* * *

ווער איז געווען דער אַטענטעטער פון ליאָן? עס איז געווען אַ יונגער איטאַליענישער אַנאַרכיסט מיט'ן נאָמען סאַנטאָ-דזשעראָנימאָ קאַזעריאָ. קאַזעריאָ איז געבאָרען געוואָרען אין 18[illegible]3 אין מאָטאַ־וויסקאָנטי, אַ קליין שטעדטעל אין נאָרד־איטאַליען. זיין פאַמיליע איז געווען זעהר אַ פרומע, און קיינער פון זיינע ברידער האָט זיך ווען עס איז בעשעפטיגט מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען. אַלס קינד איז קאַזעריאָ געווען זעהר שעהן; ביי די רעליגיעזע פּראָצעסיאָנען האָט מען איהם אָפט פערקליידעט אַלס דעם הייליגען יאָהאַנעס, און עס איז געווען די העכסטע פרייד פאַר זיין מוטער, ווען זי האָט געזעהן דעם קליינען סאַנטאָ אין דער פּראָצעסיאָן, פיהרענדיג אַ ווייסע שעפּסעלע לעבען זיך. די אָרעמע מוטער האָט זיך זיכער דאַן ניט פאָרגעשטעלט די בלוטיגע ענדע פון איהר קינד. אָבער דאָס לעבען איז גרויזאַם און ברוטאַל אין זיינע ערשיינונגען און צושטעהרט אונזערע שעהנסטע חלומות. קאַזעריאָ איז געוואָרען עלטער. מען האָט איהם אַוועקגעגעבען צו אַ בעקער אין מילאַן, אום ער זאָל זיך דאָרטען אויסלערנען די בעקעריי. אין דער גרויסער שטאָדט האָט דאָס לעבען אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער פאַר דעם יונגען מאַן. ער האָט געזעהן דאָס עלענד און די ליידען פון זיינע ברידער און זיין יונג הארץ האָט מיטגעפיהלט זייערע שמערצען, דען קאַזעריאָ איז שטענדיג געווען אַ גוטער קאַמעראַד און אַ מענש, וועמענס געפיהלען עס זיינען בעריהרט געוואָרען פון דער קלענסטער קליינינקייט. אין דער גרויסער שטאָדט האָט ער געזעהן דעם אונטערשייד צווישען אַרמוטה און רייכטהום דייטליכער און שאַרפער ווי אין דערהיים אין זיין שטעדטעל, וואו די קלאַסען-אונטערשיידונגען האָבען זיך נאָך ניט אַזוי ברוטאַל מאַניפעסטירט. און אַלס אַ יונגער מענש מיט עדעלע און ריינע געפיהלען האָט אויך ער זיך געשטעלט די פראַגע: וואָרום איז דאָס אַזוי? ווען ער איז

אַלט געווען 18 יאָהר, האָט ער זיך בעקענט מיט די אַנאַרכיסטישע אידעען, וועלכע ער האָט אויפֿגענומען מיט דעם גאַנצען פֿייער פֿון דער ערשטער בעגייסטערונג. ער האָט גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער בעוועגונג, און אין אַפּריל 1892 איז ער אַרעסטירט געוואָרען, ווייל ער האָט צוטהיילט אַנאַרכיסטישע פּראָקלאַמאַציעס צווישען די סאָלדאַטען. אין 1893 האָט ער פֿערלאָזען מילאַן און איז אַוועק נאָך דער שווייץ, ווייל ער האָט ניט געוואָלט ווערען אַ סאָלדאַט. פֿון דער שווייץ איז ער שפּעטער אַוועק נאָך פֿראַנקרייך, וואו ער האָט געאַרבייט אין פֿערשידענע שטעדט.

עס איז דאַן געראַדע געווען די פּעריאָדע פֿון די ערגסטע פֿערפֿאָלגונגען, די צייט פֿון די הינריכטונגען פֿון וואַיאַן און האַנרי. אויף אַ כאַראַקטער ווי קאַזעריאָ האָבען דיזע פּאַסירונגען געמוזט מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק, און ביסלעכווייז האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט דער געדאַנק צו בעגעהן אַ טהאַט; נאָך דער הינריכטונג פֿון עמיל האַנרי איז דיזער געדאַנק ביי איהם געוואָרען אַ בעשלוס, און ווען ער האָט געלעזען אין די ציימונגען, אַז קאַרנאָ וועט זיין אין ליאָן, האָט ער בעשלאָסען ביי זיך איהם צו טויטען. ער האָט זיכער קיינעם ניט דערצעהלט, וואָס ער דיינקט צו טהאָן, נאָר ער האָט אַליין געמאַכט זיין פּלאַן און איהם אויסגעפֿיהרט. קאַזעריאָ האָט דאַן געאַרבייט אין שטעדטעל סעט. אַם 23טען יוני האָט ער פֿערלאָזען די שטאָדט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פֿריהער גאָך געקויפֿט אַ קינזשאַל פֿאַר 5 פֿראַנק און איז געפֿאָהרען נאָך מאָנטפּעליע, טאַראַסקאָן און וויען. אין יעדע פֿון דיזע שטעדט האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטען אַ קורצע צייט, אום צו בעזוכען אַ פּאָר פֿריינד זיינע. פֿון וויען ביז ליאָן איז ער געגאַנגען צו פֿוס. אויף דעם וועג האָט ער געקויפֿט אַ ציימונג מיט דעם פּראָגראַם פֿון דער פּראָצעסיאָן אין ליאָן. באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט. ער איז געגאַנגען מיט דער מאַסע נאָך דעם צענטער פֿון דער שטאָדט און האָט רוהיג געוואַרט, ביז עס איז אָנגעקומען די קאַרעטע פֿון דעם פּרעזידענט און מיט אַן אויסערגעוועהנליכער

ענערגיע האָט ער אויסגעפֿיהרט זיין טהאַט אין מיטען גאַס, אַרומ־ גערינגעלט פֿון װעלנער, פּאָליציסטען און שפּיאָנען.

און דיזע העלדישע ענערגיע האָט איהם קיינמאָל ניט פֿער־ לאָזען. ביז צום לעצטען אויגענבליק איז ער געבליבען שטאַרק און מוטהיג און איז נעשטאָרבען מיט דערזעלבער קאַלטבלוטיג־ קייט, וועלכע ער האָט בעוויזען, אויספֿיהרענדיג זיין טהאַט.

קאזעריא׳ם פראצעם.

אם 2טען אויגוסט 1894 האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּראָצעס געגען קאַזעריאָ אין ליאָן. די געריכטס-געביידע האָט אויסגעזעהן ווי אַ בעלאַגערטע פעסטונג, אַרומגערינגעלט פון פּאָליציסטען און זשאַנדאַרמען. אונצעהלבאַרע שפּיאָנען פון דער פּאָליטישער פּאָליציי האָבען בעוואַכט אַלע טהירען און די אַרומיגע גאַסען, און די מיטגלידער פון דעם געריכט, הויפּטזעכליך דער פּראָקוראָר און דער פּרעזידענט, זיינען שטענדיג בעגלייט געוואָרען פון אַ גאַנצע גוואַרדע פון געהיימע אַגענטען. דערזעלבער צושטאַנד האָט געהערשט אין געריכטס-זאַל, אָבוואָהל די אודיענץ איז געווען זעהר אַ בעשריינקטע, צוליעב די נייע אויסנאַהמע-געזעצע, וועלכע זיינען צום ערשטען מאָל אָנגעווענדעט געוואָרען אין דעם פּראָצעס געגען קאַזעריאָ.

אום 9 אוהר אין דער פריה איז קאַזעריאָ אַריינגעפיהרט געוואָרען אין זאַל פון צוויי זשאַנדאַרמען און באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעפאַנגען די פערהאַנדלונג. דער געריכטס-פּרעזידענט ברעיאַק האָט ערעפענט די זיצונג מיט אַ לאַנגע רעדע, וועלכע האָט געזאָלט אילוסטרירען די אויסערגעוועהנליכע טהאַט. נאָכדעם איז פאָרגעלעזען געוואָרען די אָנקלאַגע, וועלכע האָט ענטהאַלטען אַלע איינצעלהייטען פון דעם אַטענטאַט אין ליאָן און אין דער־זעלבער צייט אַ קורצען איבערבליק איבער קאַזעריאָ׳ס פערגאַנגענהייט. נאָכדעם ווי דער עפענטליכער אָנקלעגער האָט געענדיגט זיין פאָרלעזונג האָט זיך דער פּרעזידענט געווענדעט צו קאַזעריאָ מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„קאַזעריאָ, איהר זייט געבאָרען געוואָרען אין 1873. אייער פֿאָטער איז געווען אַ שיפֿער אין מאָנטאַ־וויסקאָנטי און איז געשטאָרבען אין 1887. אייער פֿאַמיליע וואוינט נאָך יעצט אין איטאַליען; איינער פֿון אייערע ברידער איז אַ שיינקער, דער צווייטער אַ בעדינטער און דער דריטער אַ שיפֿער... איידער איך געה אייך שטעלען פֿערשיעדענע פֿראַגען, איז נויטווענדיג, איהר זאָלט מיר ענטפֿערן, צי איהר האָט ווען עס איז געליטען פֿון גייסטיגע קראַנקהייטען. האָט איהר אימער געהאַט אַ פֿאָלקאָמענע קאָנטראָלע איבער אייערע פֿעהיגקייטען, און זייט איהר קיינמאָל ניט געווען וואַהנזיניג? דאָס געזעץ פֿאָדערט נעמליך, אַז אַן אָנגעקלאָגטער זאָל זיין פֿאָלשטענדיג פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר זיינע טהאַטען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיי בעגאַנגען."

„איך בין פֿאָלקאָמען נאָרמאַל און אין יעדער בעציהונג פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר מיינע האַנדלונגען", האָט קאַזעריאָ געענטפֿערט.

„מען זאָגט, אַז אַ פֿעטער אייערער איז געשטאָרבען אין דול־הויז?"

„איך ווייס ניט דערפֿון, אַלענפֿאַלס בין איך אַליין קלאָהר און וויס, וואָס איך האָב געטהאָן."

„אייער פֿאָטער איז נעווען אַן עפּילעפּטיקער. ער האָט בעקומען דיזע קראַנקהייט דורך מורא, אין דער צייט, ווען די עסטרייכער האָבען עראָבערט דאָס לאַנד. נאָר גייסטיג קראַנק איז ער ניט געווען."

„מיין פֿאָטער האָט שטענדיג געאַרבייט אויף'ן וואַסער."

„איהר האָט בעזוכט אַ פֿאָלקס־שולע, נאָר ווי עס ווייזט אויס זייט איהר ניט נעווען קיין גוטער שילער, דען איהר האָט קיינמאָל ניט געוואונען קיין פּרייז. דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, קיין פֿערברעכען."

„אויב איך וואָלט געהאַט אַ בעסערע ערציהונג, וואָלט איך אפשר געווען אַ בעסערער שילער," האָט קאַזעריאָ געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

דער פּרעזידענט האָט דאַן נאָך אַמאָל פֿאָרגעשטעלט די

שרעקליכע טהאַט און דעם נוטען כאַראַקטער פֿון דעם טויטען פרעזידענט און האָט דאַן ערקלעהרט ווי אַזוי קאַזעריאָ איז געוואָרען אַן אַנאַרכיסט.

„אייער פֿאַמיליע האָט אייך געוואָלט פֿערהינדערן צו ווערן אַן אַנאַרכיסט. איהר האָט זיך דערפֿאַר צוקריגט מיט זיי.“

„איך ליעב נאָך היינט מיין מוטער און מיין פֿאַמיליע, אָבער איך האָב מיר ניט געקענט אונטערוואַרפֿען צו זייערע פֿאָראורטהיילען. און אויסערדעם גיט עס נאָך אויסער דער פֿאַמיליע, וועלכע גרינדעט זיך אויף פערזענליכע אינטערעסען, די גרויסע פֿאַמיליע פֿון דער מענשהייט.“

דער פרעזידענט ערקלעהרט, אַז קאַזעריאָ, זייענדיג אין מילאַן, האָט שטענדיג פֿערקעהרט מיט אַנאַרכיסטען און גיט אָן מעהרערע נעמען. דאַן ווענדעט ער זיך ווידער צו קאַזעריאָ:

„גיט איהר צו, אַז איהר האָט געהאַט בעציהונגען צו דיזע פערזאָנען?“

„ווען איך וואָלט זיי אפילו געקענט, וואָלט איך אייך אויך ניט געזאָגט.“

„אָבער די אונטערזוכונג האָט עס דאָך בעוויזען.“

„די פאָליציי האָט עס געזאָגט; אָבער איך בין ניט קיין פאָליציסט.“

„די פאָליציי דאַרף טהאָן איהר אַרבייט.“

„און איך די מיינינע.“

דער פרעזידענט ערקלעהרט דאַן די געשוואָרענע ווי אַזוי קאַזעריאָ איז אין 1892 צום ערשטען מאָל אַרעסטירט און פֿערורטהיילט געוואָרען אין מילאַן ווענען אַנאַרכיסטישער פראָפּאַגאַנדאַ אונטער די סאָלדאַטען. נאָך דעם ווענדעט ער זיך ווידער צו דעם אַנגעקלאָגטען מיט די ווערטער:

„איהר האָט פֿערלאָזען איטאַליען אין דעם מאָמענט, ווען איהר האָט געזאָלט דיענען דעם קעניג; נאָך דעם ווי איהר האָט אָבגעלייקענט די פֿאַמיליע, האָט איהר אויך אָבגעלייקענט אייער פֿאָטערלאַנד.“

„מיין פֿאָטערלאַנד איז די גאַנצע וועלט.“

דער פרעזידענט האָט דאַן דערצעהלט ווי קאַזעריאָ איז געקומען קיין פראַנקרייך, אין וואָס פאַר פלעצער ער האָט געאַרבייט, און אַז ער האָט זיך איבעראַל בעקענט מיט די אַנאַרכיסטען. אָבער קאַזעריאָ האָט אָבגעלייקענט יעדע בעהויפטונג, וועלכע האָט זיך בעצויגען אויף בעשטימטע פּערזאָנען.

„ווען איהר זייט געקומען דעם ערשטען מאָל קיין ליאָן, האָבען אייך אייערע גענאָסען גוט אויפגענומען. איהר זייט דאַן געוועזן ביי אַ פרוי מאַריע, וועלכע איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען די „מוטער פון די אַנאַרכיסטען." איהר האָט געהאַט פריינדשאַפטליכע בעציהונגען צו אַלע גענאָסען אין ליאָן."

„עס פערשטעהט זיך, אַז איך האָב ניט געקענט האָבען קיינע בעציהונגען צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. איך האָב שטענדיג פערקעהרט צווישען אַרבייטער."

„פון ליאָן זייט איהר געגאַנגען נאָך וויען. אויך דאָרטען האָט איהר פערקעהרט מיט אַנאַרכיסטען, הויפּטזעכליך מיט דעלאַיע, איינעם פון די הערויסגעבער פון'ם „פער פענאַר", און מיט אַ געוויסען פאָר, אַ באַרבער?"

„ניין!"

„אָבער איהר זייט דאָך געוועזן ביי איהם און האָט זיך געלאָזט שערען די האָר, איידער איהר זייט געגאַנגען ערמאָרדען דעם פרעזידענט."

„איך האָב דאָך גיט געקענט געהן צו אַ בעקער, ער זאָל מיר שערען די האָר. איך בין געגאַנגען צו איהם, דערפאַר וואָס ער איז געוועזן אַ באַרבער."

„פון וויען זייט איהר געגאַנגען קיין סעט, וואו עס געפינט זיך אַן אַנאַרכיסטישער צענטער. איהר זייט דאָרט געוועזן גאַנץ ווי אין דער היים."

„יאָ!"

„אפשר האָט איהר זיך דאָרט בעקענט מיט אַ געוויסען לאַקראָאַ?"

„איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אַז איך מאַך ניט די אַרבייט פון דער פּאָליציי."

„אין סעט זייט איהר געווען דער פיהרער פון אן אנארכיס־טישער גרופע. אלע האבען אייך געקענט, און ווען איהר זייט געלעגען פאר א קורצע צייט אין האספיטאל, זיינען אלע געקומען אייך זעהען."

„דאס איז ניט ריכטיג!"

„אייערע פריינדע האבען אייך געבראכט אין האספיטאל פאטאגראפיעס פון ראוואשאל און פאליאס, אויף וועלכע עס זיינען געשטאנען די ווערטער: „געשטארבען פאר דער אנארכיע!" דער מייסטער, ביי וועלכען איהר האט געארבייט אין סעט דערצעהלט אייך, אז עס האט שטאטגעפונען א קליינע עקספלאזיאן אין זיין באק־אויווען, ווען איהר האט דארט געארבייט."

„דאס איז געווען פון די גרינע האלץ", האט קאזעריא געענטפערט מיט א שמייכעל.

„אם 23טען יוני האט איהר פערלאזען אייער מייסטער און זייט געגאנגען צו אייער פריינד סארעל. דארטען האט איהר גענומען די אדרעסע פון לאבאריע אין מאנפעליע. נאך דעם האט איהר געקויפט אייער קינזשאל."

„יא, אין א באזאר אין דער רי דע קאסערן. איך האב דער־פאר בעצאהלט פינף פראנק."

דער פרעזידענט צייגט די געשווארענע דעם קינזשאל, וועלכע בעטראכטען איהם מיט א מורא'דיגער אויפמערקזאמקייט. דאן ווענדעט ער זיך ווידער צו קאזעריא און פאדערט איהם אויף צו דערצעהלען די איינצעלהייטען פון זיין רייזע נאך ליאן.

קאזעריא האט געענטפערט ווי פאלגט: „איך האב פערלאזען סעט א פערטעל נאך דריי און בין אוועק נאך מאנטפעליע. דארטען האב איך געזעהן דעם גענאסע לאבאריע. מיר האבען צוזאמען געפריהשטיקט און באלד דערנאך בין איך אוועק נאך טאראסקאן. איך בין געפאהרען צוזאמען מיט צוויי זשאנדארמען. פון טאראסקאן נאך אוויניאן בין איך געפאהרען ערשטע קלאסע, דערפאר ווייל עס האט ניט געגעבען קיין אנדער קלאסע. עס איז געווען דאס ערשטע מאל אין מיין לעבען, און די בורזשואס האבען מיר גרויס אנגעקוקט, דערפאר וואס מיינע קליידער זיינען געווען

פֿון אַן אַרבייטער. אין אַוויניאָן האָב איך פֿערבראַכט צוויי שטונדען. אויף דעם וועג צום וואַקזאַל האָב איך מיר געקויפֿט פֿאַר צוויי סו ברויט ביי אַ בעקער און בין אַוועק נאָך וויען. דאָרט האָב איך געקויפֿט אַ צייטונג. איך האָב אויסגעשניטען דעם פּראָגראַם פֿון'ם פֿעסט אין ליאָן און מיט דעם רעסט האָב איך איינגעוויקעלט מיין קינזשאַל."

„וועמען האָט איהר געזעהן אין וויען?"

„אַ פֿריינד, וועלכער האָט געהאַט די אַדרעס פֿון מיין ברודער."

„איהר האָט זיך אויך געזעהן מיט אייער גענאָסע פֿאַר און פֿיעלע אַנדערע אַנאַרכיסטען."

„יאָ, איך האָב געזעהן אייניגע פֿריינדע. זיי האָבען מיר געוואָלט פֿערשאַפֿען אַרבייט אין וויען, נאָר איך האָב זיי ערקלעהרט, אַז איך געה זוכען אַרבייט אין ליאָן."

קאַזעריאָ דערצעהלט דאַן נאָך די איינצעלהייטען פֿון זיין רייזע פֿון וויען נאָך ליאָן, וועלכע ער האָט געמאַכט צו פֿוס. ביי דיזער געלעגענהייט שלאָגט איהם דער פּרעזידענט איבער די רייד:

„און זעהענדיג דיזע פֿרידליכע מענשען האָט עס אייך ניט געמאַכט אויפֿגעבען אייער פּלאַן?" — „ניין!" האָט קאַזעריאָ רוהיג געענטפֿערט. — „און האָט איהר זיך ניט דערמאָנט, אַז דער 24סטער יוני איז געווען דער יאָהרצייט פֿון דער שלאַכט פֿון סאָלפֿערינאָ, וואו פֿראַנצויזיש און איטאַליעניש בלוט האָט זיך אויסגעמישט?" — „דער קריעג פֿון די רעגירונגען האָט פֿאַר מיר קיין ווערטה ניט." — „האָט דען דער געדאַנק ניט אויף אייך געווירקט, אַז פֿראַנקרייך האָט אייך גאַסטפֿריינדליך אויפֿגענומען, אייך געגעבען אַרבייט און איהר האָט אונז געבראַכט דערפֿאַר ראַכע און טרויער? איז דען די אַנאַרכיסטישע אידעע ביי אייך געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט דערשטיקט אין אייך דיזע אַלע געפֿיהלען?"

„איך האָב נאָר געהאַט איין ציעל — אויסצופֿיהרען מיין אַקט."

קאָוריאָ בעשרייבט דאָן די איינצעלהייטען פון דעם אַטענטאַט.

„איך בין געשטאַנען אין דער צווייטער רייהע פון די צושויער. ווען די עקיפּאַזשע פון דעם פּרעזידענט איז ענדליך אָנגעקומען, האָב איך צוויי יונגע לייט, וועלכע זיינען געשטאַנען פאָר מיר, געשליידערט אָן אַ זייט, און אַרויפשפּרינגענדיג אויף דער קאַרעטע האָב איך דעם פּרעזידענט אַריינגעשטעקט מיין קינזשאַל אין דער ברוסט, ביז מיין האַנד האָט בעריהרט זיינע קליידער, שרייענדיג דערביי: „עס לעבע די רעוואָלוציאָן!"

„יאָ, די וואונד איז געוועזען 16 סאַנטימעטער טיעף. נאָר דערצעהלט ווייטער."

„ער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען. איך בין אַראָבגעשפּרונגען און איך וואָלט געקאָנט בעקוועם אַנטלויפען, ווען איך וואָלט ניט געשריען: וויוו ל'אַנאַרשיע."

„האָט דען דער בליק פון דעם פּרעזידענט גאָר קיין איינדרוק ניט געמאַכט אויף אייך?"

„קיינעם גיט!"

„וואו האָט איהר איהם געוואָלט טרעפען?"

„דירעקט אין הארצען אַריין!"

„נאָר אייער האַנד איז ניט געוועזען גאַנץ זיכער, האָט איהר געוואַנקט אין דער אונטערזוכונג?"

„יאָ, אַביסעל האָב איך פערפעהלט דעם ציעל."

„אייער געשריי: „וויוו ל'אַנאַרשיע!" האָט אייך פערראַטהען".

קאָוריאָ האָט אַ קניימש געטהאָן מיט די פּלייצעס און געשוויגען. דער פּרעזידענט האָט דאָן איבערגעגעבען די בעריכטע פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבען אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו ראַטעווען דאָס לעבען פון קאַרנאָ, נאָר קיין מענשליכע האַנד איז מעהר ניט אימשטאַנדע געוועזען צו העלפען. נאָך דעם האָט זיך פאָרטגעזעצט די אייגענטליכע פערהאַנדלונג.

„איהר זייט אַן אַנאַרכיסט, אייער מיינונג וועגען דער געזעל-שאַפט איז אַ דעסטרוקטיווע, איהר זייט אַ פיינד פון אַלע פיהרענדע שטאַאַטס-מענער און האָט געשוואָרען טויט צו דער בורזשואַזיע",

האָט דער פּרעזידענט געזאָגט. „איהר האָט סימפּאַטיזירט מיט עמיל האַנרי, גאָר איהר זייט ניט איינשטימיג געווען, אַז ער האָט געשליידערט זיין באָמבע אין אַ קאַפע".

„ס'איז ריכטיג!"

„איהר האָט אַמאָל געזאָגט פאַר אַנדערע מענשען: אָרעמער וואַיאַן, מען האָט איהם ערמאָרדעט, אַבוואָהל ער האָט קיינעם ניט געטויטעט. און איהר האָט אָפטמאָל ווידערהאָלט: קיין זאַך וועט מיר ניט אָבהאַלטען, ניט פאָטער און מוטער, איך וועל זיך אויסקלייבען אַ גרויסען קאָפּ... איינמאָל האָט איהר ערקלעהרט, אַז ווען איהר וועט צוריקקומען קיין איטאַליען, וועט איהר טויטען דעם פּאַפּסט און דעם קעניג".

„ניט ביידע מיט אַמאָל", האָט קאַזעריאָ געענטפערט מיט אַן איראָנישען שמייכעל, „דען מען טרעפט זיי קיינמאָל ניט אַן צוזאַמען".

„זייט איהר ניט געווען אַן אַגענט פון אַן אַנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציע, וועלכע האָט אייך געגעבען געלד ?"

„ניין, איך האָב אַליין געדיינקט און געהאַנדעלט !"

„אָבער טראָץ דעם גיט עס אַ געוויסע פערבינדונג צווישען די אַנאַרכיסטען, אום צו נעהמען ראַכע פאַר דעם טויט פון ראַוואַשאָל, וואַיאַן און האַנרי. סאַדי קאַרנאָ און זיין פאַמיליע האָבען אַליין ערהאַלטען צאָהלרייכע בריעף, אין וועלכע מען האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז מען וועט נעהמען ראַכע. זיינען דיזע בריעף דען ניט געשריבען געוואָרען פון אייערע פיהרער ?"

„מיר האָבען ניט קיינע פיהרער און מיר געהאָרכען קיינעם ניט. מיין טהאַט איז געווען דער לאָגישער רעזולטאַט פון מיין פּערזענליכער איניציאַטיווע."

„נאָך אַ פראַגע האָב איך אייך צו שטעלען. באַלד נאָך דעם טויט פון דעם פּרעזידענט האָט מאַדאַם קאַרנאָ ערהאַלטען אַ פאָטאָגראַפיע פון ראַוואַשאָל'ן מיט די ווערטער: „איהר האָט גוט בעצאָהלט פאַר איהם". ווייסט איהר, ווער עס האָט געשיקט דיזע פאָטאָגראַפיע ?"

„איך ווייס פון קיין זאך נים. אלעס וואס איך קען אייך זאגען איז, אז איך האב געהאנדעלט ריין אינדיווידועל".

„איך בין פארטיג מיט מיינע פראגען צו אייך", האט דער פרעזידענט געזאגט נאך א פויזע. „נאר איין זאך וואלט איך אייך נאך געוואלט פרעגען. איהר אנערקענט נים קיינע מענשליכע געזעצע, אבער איהר לייקענט נים אב דאס העכסטע געזעץ, וועלכעס הייסט: דו זאלסט נים טויטען! ווען א ריכטער פעראורטהיילט אימיצען צום טויט, טהוט ער עס, נאכדעם ווי ער האט אונטערזוכט אלע איינצעלהייטען, דיסקוטירט אלע פראגען און ווענדעט אן אלע נויטווענדיגע פארמאליטעטען. און איהר, א אינגעל פון איין און צוואנציג יאהר, מאכט אייך אין דערזעלבער צייט צום ריכטער, אנקלעגער און הענקער."

דיזע ווערטער האבען קאועריא שטארק אויפגערעגט. „און די רעגירונגען?" האט ער געשריהען, „טויטען זיי דען נים מיליאנען מענשען? איך בין יונג, ערשט איין און צוואנציג יאהר אלט, און דערפאר רופט איהר מיר א אינגעל. אבער אזעלכע אינגלאך זיינען גאנץ גוט פאר אייך, ווען איהר שפארט זיי אריין אין אייערע קאזארמען און הייסט זיי טויטען אויף דעם בעפעהל פון דער רעגירונג. פארוואס רופט איהר נים אינגלאך אלע יונגע לייט, וועלכע פארמירען אייערע ארמעען, מיט וועלכע איהר שטאלצירט אזוי פיעל?"

„אבער איהר האט נים נאר געטויטעט דעם פיהרער פון שטאאט, זאגדערן אויך דעם בעסטען מאן און פאמיליען-פאטער."

„פאמיליען-פאטער? וויפיעל אזעלכע פאטערס טויטעט איהר יעדען טאג דורך עלענד און נויטה? און איז דען וואיאן אויך נים געוועזען א פאמיליען-פאטער? האט ער דען נים געהאט א פרוי און א קינד? און האט עמיל האנרי נים געהאט אן אלטע מוטער און א ברודער?"

די וויטערע פערהאנדלונג פון דעם פראצעס איז געוועזען ווייניג אינטערעסאנט. פערשידענע דאקטוירים האבען אבגעגעבען זייערע ערקלעהרונגען איבער די וואונד פון דעם פרעזידענט און די מיטלען, וועלכע מען האט אנגעווענדעט צו ראטעווען זיין

לעבען. דיביידע העבערע אָפיצירען, וועלכע זיינען געפאָהרען מיט קאַרנאָ אין דערזועלבער קאַרעטע, ווען דער אַטענטאַט האָט שטאַטגעפונען, האָבען ערקלעהרט, אַז די טהאַט איז בעגאַנגען געוואָרען אַזוי גיך און קאָלטבלוטיג, אַז קיינער האָט אפילו ניט גע'חלום'ט אין ערשטען מאָמענט, אַז עס האַנדעלט זיך אום אַן אַטענטאַט. דער שעף פון דער פּאָליציי האָט אונטערשטיצט דיזע ערקלעהרונגען, און אַלע האָבען געמוזט צונעבען, אַז די בעסטע מאַסרענלען האָבען גיט קיין ווערטה, אַזוי לאַנג ווי אַ מענש איז פאַרטיג ביי זיך צו אָפּפערן זיין לעבען, אום צו פערניכטען דאָס לעבען פון אַ צווייטען.

איינינע פון די עדות זיינען געוועזן צושויער ביי דער פּראָצעסיאָן און האָבען קאַזעריאָ אַרעסטירט נאָך דעם אַטענטאַט. קאַזעריאָ רופט זיי צו: „אַ גליק פאַר אייך, אַז איך האָב אַוועקגעוואָרפען מיין קינזשאַל נאָך דער טהאַט, אויב ניט וואָלט איך זיכער דערשטאָכען יעדען איינציגען, וועלכער וואָלט זיך דערוועגט צוצוריהרען צו מיר!"

דער לעצטער עדות איז געוועזן אַ סאָלדאַט, אַ געוויסער לעבלאַן, וועלכער איז דירעקט בעצאָהלט געוואָרען פון דער פּאָליציי פאַר זיינע ערקלעהרונגען. שוין דער אויסערליכער אויסזעהן פון דיזען שופט האָט בעוויזען, אַז ער בעלאַנגט צו יענער נידעריגער סאָרט מענשען, וועלכע זיינען פעהיג צו בעגעהן די ערגסטע שענדליכקייטען פאַר אַ פּאָר פראַנק. לעבלאַן איז געלעגען צוזאַמען מיט קאַזעריאָ אין האָספּיטאַל אין סעט, וואו זיי האָבען זיך בעקענט איינער מיט דעם אַנדערן. דיזע בעקאַנטשאַפט איז זיכער ניט געוועזן קיין אינטימע, דען קאַזעריאָ איז אין אלגעמיין געוועזן אַ שטילער אַ צוריקגעהאַלטענער כאַראַקטער. טראָץ דעם האָט לעבלאַן דערצעהלט די לעבערליכסטע געשיכטען פון אַ גרויסען אַנאַרכיסטישען קאָמפּלאָט און האָט בעהויפּטעט, אַז קאַזעריאָ האָט איהם אַליין ערקלעהרט, אַז די אַנאַרכיסטען וואַרפען גורל, אום אויסצוקלייבען דעם יעניגען, וועלכער זאָל ערמאָרדען דעם פּרעזידענט.

קאַזעריאָ האָט פּראָטעסטירט מיט דער גרעסטער ענערגיע

געגען דיזע בעהויפטונג: „איך האָב קיינמאָל ניט גערעדט מיט דיזען מאַן איבער אַזעלכע זאַכען", האָט ער געזאָגט. „מיר אַנאַרכיסטען זיינען ניט קיין סאָלדאַטען, וועלכע מען קלייבט אויס פאַר אַ געוויסען צוועק. יעדער איינציגער פון אונז איז פאָלקאָמען פריי און טראָגט אַליין די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר זיינע האַנדלונגען!"

די אַלע געשיכטען, וועלכע לעבלאַן האָט דערצעהלט און דער עקעלהאַפטער איינדרוק פון זיין פערזאָן האָבען אפילו ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף די געשוואָרענע, און דער פראָקוראָר האָט אַליין פערשטאַנען, אַז ער קען זיך ניט בענוצען מיט זיינע ערקלעהרונגען. יעדער איינער האָט געפיהלט, אַז לעבלאַן איז אַן אַגענט פון דער פאָליציי און נאָך דערצו זעהר אַ שלעכטער.

לעבלאַן איז געווען דער לעצטער עדות. נאָך איהם האָט דער פראָקוראָר גענומען דאָס וואָרט. זיין אויפגאַבע איז געווען אַ לייכטע, דען קיינער האָט ניט געצווייפעלט, וואָס עס וועט זיין דער רעזולטאַט פון דעם פראָצעס. ווען ער האָט געפאָדערט דעם קאָפּ פון דעם יונגען אַנאַרכיסט, האָט קאַזעריאָ איראָניש געשמייכעלט און געמאַכט אַ גלייכגילטיגע בעוועגונג מיט דער האַנד.

קאַזעריאָ'ס אַדוואָקאַט, אַ געוויסער דיברעז, האָט געשפּילט אַ לעכערליכע ראָלע אין דעם גאַנצען פראָצעס. זיין פערטהיידיגונגס־רעדע איז כמעט ניט מעהר געווען ווי אַן ענטשולדיגונג, פאַר וואָס ער האָט איבערהויפּט פערטהיידיגט אַ מענש ווי קאַזעריאָ. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז אין גאַנץ ליאָן האָט זיך ניט געפונען קיין איינציגער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט פרייוויליג געוואָלט אַננעהמען די פערטהיידיגונג; אָבער אַזוי ווי דאָס פראַנצויזישע געזעץ פאָדערט, אַז יעדער אַנגעקלאָגטער מוז האָבען אַ פערטהיידיגער, האָט מען אַליין אויסגעקליבען דיברעז'ן.

קאַזעריאָ האָט עטליכע מאָל אונטערבראָכען די רעדע פון זיין אַדוואָקאַט און פּראָטעסטירט געגען זיינע בעהויפּטונגען, און

דער פּרעזידענט האָט איהם זאָגאַר געסטראַשעט, אַז ער וועט איהם לאָזען אַרויספיהרען, אויב ער וועט זיך ניט האַלטען רוהיג.

ענדליך איז פֿאַר קאַזעריאָ געקומען דער מאָמענט אָבצוגעבען זיין איינענע ערקלעהרונג, וועלכע ער האָט פֿאָרגעלעזען אין איטאַליעניש, און וועלכע איז דאַן איבערזעצט געוואָרען אין פֿראַנצויזיש. דיזע ערקלעהרונג לויטעט ווי פֿאָלגט:

* * *

מיינע הערען געשוואָרענע!

ווען איך נעהם יעצט דאָס וואָרט, איז עס ניט אום מיך צו פֿערטהיידיגען, זאָנדערן אויסשליסליך אום צו געבען אַן ערקלעהרונג פֿון מיין טהאַט.

נאָך זייענדיג אַ קינד, האָב איך שוין בעגריפֿען, דאָס אונזער געזעלשאַפֿט איז שלעכט אָרגאַניזירט און פֿיל מיט אונגערעכטיגקייט. איך האָב געזעהן ווי אונגליקליכע מענשען פֿערברייננען זייער גאַנצען לעבען אין עלענד און נויט, ווי טויזענדער פֿון זיי בעגעהען זעלבסטמאָרד פֿון שמערץ און פֿערצווייפֿלונג, איבערלאָזענדיג זייערע פֿרויען און קינדער אין די שרעקליכסטע אומשטענדען. טויזענדער און טויזענדער אַרבייטער געהען אַרום ליידיג, זוכענדיג אַרבייט און ברויט, אָבער קיינער וויל זיי ניט בעשעפֿטיגען. אָרעמע פֿאַמיליען זיינען געצוואונגען צו בעטלען אַ שטיקעל ברויט, ציטערנדיג פֿון קעלט און ליידענדיג פֿון די גרויזאַמסטע און אונמענשליכסטע בעדינגונגען פֿון אַ פֿערלאָרענעם דאַזיין. הונגעריגע קינדערלאַך שרייען פֿון ווייטאָג און זייערע אונגליקליכע מוטערס ווייסען ניט פֿון וואַנען צו נעהמען אַ שטיקעל ברויט, כדי צו בעפֿרידיגען זייערע נויטווענדיגסטע בעדערפֿנישע. גאַנצע פֿאַמיליען ווערען רואינירט און גאַנצע גענעראַציאָנען פֿון בעטלערס און פֿערברעכער ענטוויקלען זיך אונטער דעם גרויזאַמען יאָך פֿון אַן אונגערעכטע סאָציאַלע אָרדנונג.

איך האָב פֿערלאָזען מיין היימאַטה, וואו איך האָב אָפֿט געזעהן, ווי קליינע מיידלאַך פֿון 8 און 10 יאָהר אַלט זיינען געצוואונגען געווען צו אַרבייטען 15 שטונדען אַ טאָג פֿאַר אַ לוין פֿון 20 סאַנטים (2 פּענס). עלטערע מיידלאַך פֿון 18 און 20 יאָהר

ארבייטען נאָך לענגערע שטונדען פֿאַר אַ פּרייז צום לעבען צו ווייניג, צום שטאַרבען צו פֿיעל. און אַזעלכע צושטענדע עקזיסטירען ניט נאָר אין איטאַליען. אין אַלע לענדער אַרבייטען די פּראָלעטאַריער לאַנגע שטונדען און פֿערדינען קוים פֿאַר דאָס טרוקענע שטיקעל ברויט. און אין דערזעלבער צייט שאַפֿען זיי מיליאָנען און מיליאָנען פֿאַר זייערע עקספּלאָאַטאַטאָרס. אין איטאַליען האָבען די מייסטע פֿון זיי ניט מעהר ווי ברויט און וואַסער און אַ ביסעל רייז פֿאַר זייער טעגליכע שפּייז. ווען זיי ווערען אַלט 30 אָדער 40 יאָהר, קענען זיי מעהר ניט ריהרען קיין האַנד און געהען שטאַרבען אין ערגעץ אַ האָספּיטאַל; און אין דערזעלבער צייט ליידען זיי ניט נאָר פֿון דער שווערער אַרבייט און שלעכטער נאַהרונג, נאָר זיי מוזען אויך דורכמאַכען די פֿערשידענסטע קראַנקהייטען, וועלכע זיינען די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגען פֿון זייערע שרעקליכע עקאָנאָמישע לעבענס בעדינגונגען.

דאָס אַלעס האָב איך געזעהן און איך האָב נאָכגעדיינקט וועגען די אורזאַכען פֿון אַזאַ גרוזאַמען צושטאַנד. אַ גרויסע צאָהל מענשען האַלטען אין איין הונגערן און ליידען מיט זייערע קינדער, און טראָגען דעם ניט עס אין די שטעדט גענוג ברויט און גענוג קליידער. איך האָב געזעהן די גרויסע מאַגאַזינען אָנגעפּאַקט מיט וואַרעמע קליידער, שיך און אַלע סאָרטען לעבענס-מיטעל, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט בעפֿרידיגען די בעדירפֿנישען פֿון אַלעמען. און פֿון דער צווייטער זייט האָב איך דערזעהן טויזענדער ליידינגעהער, וועלכע האָבען קיינמאָל אין זייער לעבען ניט אַריינגעלייגט קיין פֿינגער אין קאַלטע וואַסער; זיי לעבען פֿון דעם בלוט פֿון די אַרבייטער, זיי פֿערפֿיהרען די פֿרויען און טעכטער פֿון פֿאָלק, זיי בעזיצען גרויסע הייזער און פּאַלאַצען מיט 40 און 50 צימער און פֿערד און דינער, מיט איין וואָרט, זיי האָבען אַלעס, וואָס עס מאַכט דאָס לעבען אָנגענעהם און שעהן.

אָך, וויפֿיעל האָב איך ניט געליטען, זעהענדיג דיזע טרויעריגע ערשיינונגען פֿון אַ שלעכטען און אונגערעכטען סיסטעם. און אָפֿט האָב איך געזאָגט צו מיר אַליין: „די, וועלכע קלייבען

אָן פֿערמעגענס און רייכטהימער, זיי זיינען די איינענטליכע פֿער-אורזאַכער פֿון דער סאָציאַלער אונגלייכהייט."

זייענדיג נאָך אַ קינד, האָט מען מיך געלערנט, אַז יעדער מענש דאַרף ליעבען זיין פֿאָטערלאַנד. אָבער ווען איך האָב געזעהן, ווי טויזענדער און טויזענדער אַרבייטער זיינען געצוואונגען צו פֿערלאָזען זייער היימאַטה, איבערלאָזענדיג זייערע עלטערן און קינדער אין נויט און עלענד, האָב איך פֿערשטאַנען, אַז פֿאַר די אַרבייטער עקזיסטירט ניט קיין פֿאָטערלאַנד. אונזער פֿאָטערלאַנד איז די גאַנצע וועלט. די, וועלכע פרייזינגען שטענדיג די ליעבע צום פֿאָטערלאַנד, דעם פּאַטריאָטיזמוס, טהוען עס דערפֿאַר, ווייל זיי געפֿינען דאָרט די מיטלען צו לעבען, פּונקט ווי די פֿויגעל פֿערטהיידיגען זייערע נעסטער, דערפֿאַר וואָס זיי געפֿינען זיך דאָרט בעקוועם און אַנגענעהם.

אַמאָל האָב איך געגלויבט אין אַ גאָט, אָבער ווען איך האָב אַנגעפֿאַנגען צו פֿערשטעהן די אונגערעכטיגקייטען צווישען די מענשען, האָב איך בעגריפֿען, אַז דער מענש אַליין האָט בעשאַפֿען גאָט, און אַז די, וועלכע פֿערשפּרייטען דעם גלויבען אין אַ גן עדן און גיהנום, טהוען עס דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען פֿעראינטערעסירט אין דעם; זיי האַלטען דאָס פֿאָלק אין אונוויסענהייט, כדי אויפֿצוהאַלטען ביי די מאַסען דעם רעספּעקט פֿאַר זייער איינענטהום.

אַט אַזוי בין איך געוואָרען אַן אַנאַרכיסט.

אַם 1טען מאַי 1891, ווען די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט האָבען אויסגעדריקט זייערע פֿאָדערונגען, האָבען אַלע רעגירונגען, מאָנאַרכיסטישע און רעפּובליקאַנישע, זיי געענטפֿערט מיט ביקסען און געפֿענגניסע. פֿיעל אַרבייטער זיינען דאַן געטויטעט און פֿערוואונדעט געוואָרען, נאָך מעהר פֿון זיי האָט מען אַריינגעוואָרפֿען אין די געפֿענגניסע. אין דיזער צייט בין איך געוואָרען אַן אַנאַרכיסט, דען די אידעען פֿון'ם אַנאַרכיזמוס זיינען אַם בעסטען געווען אין אַנקלאַנג מיט מיינע איינענע אידעען און אַנשויאונגען. נור צווישען די אַנאַרכיסטען האָב איך געפֿונען גוטע

און ערנסטע מענשען, וועלכע האבען נעוואוסט ווי צו האנדלען פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער.

איך האב אנגעפאנגען צו מאכען אנארכיסטישע פראפאגאנדא און באלד האב איך זיך גענומען צו דער טהאט.

איך בין ניט לאנג געווען אין פראנקרייך, אבער דאך גענוג לאנג אום זיך צו איבערצייגען, דאס אלע רעגירונגען זיינען דיזעלבע. איך האב געזעהן די ארעמע קוילען־גרעבער אין נארד־פראנקרייך, וועלכע זיינען אזוי שלעכט בעצאהלט, אז זיי זיינען ניט אימשטאנד צו ערנעהרען זייערע פאמיליען. איך האב געזעהן ווי זיי האבען געסטרייקט דריי מאנאט צייט נענען זייערע אויסבייטער, ביז וואנען דער הונגער האט זיי ענדליך געצוואונגען ווידער צוריקצוגעהן צו דער ארבייט אונטער די אלטע בעדינגונגען. די רעגירונג האט ניט גענומען דעם קלענסטען אינטערעס אין דיזע טויזענדער ארבייטער, זי האט זיך בעסער בעשעפטיגט מיט דעם ארגאנזשירען גרויסע ימים טובים, אום צו פייערן די רוסיש־פראנצוזישע אליאנץ. מען האט גערעדט פון נייע שטייערן און אבגאבען, אום צו בעקומען די נויטווענדיגע מיליאנען, וועלכע די ימים טובים האבען געקאסט, און די, וועלכע האבען פערקויפט זייערע געוויסענס צו דער בורזשואזיע, די זשורנאליסטען, האבען געשריבען אין זייערע צייטונגען גרויסע ארטיקלען, אום צו בעווייזען, אז די אליאנץ צווישען פראנקרייך און רוסלאנד וועט ברייננען די פראנצוזישע ארבייטער א גרויסען נוצען. אבער מיר ארבייטער לעבען נאך אלס אין דעם זעלבען עלענד און זיינען געצוואונגען צו בעצאהלען נייע אבגאבען, אום צו דעקען די אויסגאבען פון אונזערע רעגירער. ווען מיר פרעגען פאר ארבייט און ברויט, ענטפערט מען אונז מיט פולווער און בליי פונקט ווי עס איז ניט לאנג צוריק געווען דער פאל מיט די קוילען־גרעבער אין נארד־פראנקרייך און די פעלד־ארבייטער אין סיציליען און פיעלע אנדערע פלעצער.

ניט לאנג צוריק האט וואיאן געשלײדערט א באמבע אין פראנצויזישען פארלאמענט, אום צו פראטעסטירען געגען די היינטיגע געזעלשאפט. ער האט קיינעם ניט געטויטעט, *זאנדערן*

נאָר פערוואונדעט עטליכע פערזאָן; אָבער די יוריסטישע פערטרעטער פון דער בורזשואַזיע האָבען איהם טראָץ דעם פערורטהיילט צום טויט. און ניט זייענדיג צופרידען מיט דער פערניכטונג פון דעם וואָס איז געווען שולדיג, האָט מען זיך ארויפגעוואָרפען אויף די אַנאַרכיסטען אין אַלגעמיין. הונדערטער פון אונז זיינען אַרעסטירט געוואָרען, ניט דערפאַר וואָס זיי האָבען געהאַט די קלענסטע בעציהונגען צו וואַיאַן'ן, נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבען בעזוכט אַנאַרכיסטישע פערזאַמלונגען. די רעגירונג האָט זיך ניט געזאָרגט וועגען זייערע פרויען און קינדער, עס האָט איהר ווייניג אינטערעסירט, אַז די אַרעסטירטע זיינען ניט די איינציגע, וועלכע ליידען, און דאָס זייערע קינדער פאָדערן ברויט. אונזער נאָבעלע בורזשואַזע געזעלשאַפט האָט זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגען דיזע אונשולדיגע קינדער, וועלכע זיינען נאָך אונבעקאַנט מיט די געזעלשאַפטליכע צושטענדע און געווים ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר די איבערצייגונג פון זייערע עלטערן.

מען האָט געעפענט די בריעף, אונטערדריקט פערזאַמלונגע און זיך בענוצט מיט די ברוטאַלסטע מיטלען געגען אונז זאָגאַר נאָך היינט אַרעסטירט מען הונדערטער אַנאַרכיסטען, דערפאַר וואָס זיי האָבען אַמאָל געשריבען אַן אַרטיקעל אין אַ צייטונג אָדער אויסגעדריקט איינינע אידעען אין דער עפענטליכקייט.

וואָס זאָלען מיר אַנאַרכיסטען טהאָן, ווען די רעגירונג בענוצט זיך געגען אונז מיט ביקסען, קייטען און געפענגניס? זאָלען מיר רוהיג זיצען אין דערהיים, אום צו פערזיכערן אונזער לעבען? זאָלען מיר אָבלייקענען די אידעען, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך די פולע וואַהרהייט? ניין, און טויזענד מאָל ניין! מיר וועלען ענטפערן די רעגירער מיט דינאַמיט און באָמבעס, מיט שטאָהל און אייזען. מיט איין וואָרט, מיר וועלען טהאָן אונזער בעסט, צו פערניכטען די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע און אַלע רעגירענדע קלאַסען.

עמיל האַנרי האָט געשליידערט אַ באָמבע אין אַ קאַפע, איך האָב פאָרגעצויגען זיך צו בענוצען מיט'ן קינזשאַל.

איהר, מיינע העררן געשוואָרענע, זיית די פֿערטרעטער פֿון דער בורזשואזער געזעלשאַפֿט! איך עס פֿערוועלט זיך אייך צו געהמען מיין קאָפּ, נעהמט איהם! אָבער רעדט זיך קיינמאָל ניט איין, אַז מיט דעם וועט איהר דערשטיקען די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ. זייט פֿאָרזיכטיג, דען וואָס פֿאַר אַ זריעה איהר וועט פֿערזייען, אַזעלכע פּריכטע וועט איהר האָבען! די רעגי־רונגען האָבען אָנגעפֿאַנגען צו מאַכען מערטירער. דיינקט אָן די אַנאַרכיסטען, וועלכע איהר האָט געהאַנגען אין טשיקאַגאָ, גאַ־ראָטירט אין כערעס, דערשאָסען אין באַרצעלאָנאַ און גיליאָטי־נירט אין פּאַריז. די לעצטע ווערטער פֿון דיזע אַלע מענער זיינען געווען: „טויט צו דער בורזשואַזיע!" און דיזע ווערטער קלינגען דורך אַלע לענדער און געפֿינען אָן עכאָ אין די הערצער פֿון מיליאָנען אַרבייטער אין די שטעדט און דערפֿער. דיזע מאַסען פֿאַנגען ביסלעכווייז אָן צו בעגרייפֿען, אַז מען האָט זיי געטוישט, אַז אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבען נאָר איין ציעל: צו בע־פֿרידיגען דעם פּערזענליכען עהרגייץ פֿון איינציגע פּערזאָנען און זיי צו פֿערשאַפֿען אַ פּלאַץ אַלס דעפּוטאַטען אין פּאַרלאַמענט אָדער אין די שטאָדט-פֿערוואַלטונגען. די מאַסע הויבט אָן צו בעגרייפֿען, אַז עס גיט נאָר איין מיטעל צו עראָבערן איהרע רעכטע און צו פֿערניכטען די טיראַניי פֿון דער בורזשואַזיע—די געוואַלטזאַמע רעוואָלוציאָן! ווען דיזע שטונדע וועט קומען, דאַן וועלען די אַרבייטער ניט לענגער שטאַרבען פֿון הונגער און עלענד אָדער בעגעהן זעלבסטמאָרד, זיי וועלען ניט מעהר שמאַכטען לאַנגע יאָהרען אין די געפֿענגניסע אָדער שטאַרבען אויף דעם נאַלגאַן, אויף דער גאַראָטע אָדער אונטער דעם מעסער פֿון דער גיליאָטינע; פֿערקעהרט, דאַן וועלען די קאַפּיטאַליסטען, די קעניגע, פּרעזידענטען, סענאַטאָרען, ריכטער און אַלע אַנ־דערע אונטערדריקער אונטערגעהן דורך די מאַכט פֿון די קעמפּפֿענדע מאַסען, אין דעם שטורם פֿון דער סאָציאַלער רע־וואָלוציאָן!

* * *

גאָך דיזער רעדע האָבען זיך די געשוואָרענע צוריק גע־

צוינגען. זייער גאַנצע בעראַטהונג האָט ניט מעהר גענומען ווי צוואַנציג מינוטען צייט. די אויגען פֿון אַלעמען האָבען זיך גע-ריכטעט אויף קאַזעריאָ, ווען דער פּרעזידענט האָט אויסגעשפּראָ-כען דעם טויטעס-אורטהייל, אָבער דער יונגער אַנאַרכיסט איז געבליבען רוהיג און קאַלט, אין זיין געזיכט האָט זיך זאָגאַר אָבגעשפּיגעלט אַ געוויסע גלייכגילטיגקייט ווי ביי אַ מענשען, וועלכער איז פֿאַרטיג מיט זיך אַליין און בערייט צו טראָגען די פֿולע קאָנזעקווענצען פֿאַר זיינע האַנדלונגען. פֿאַר איהם איז דער טויט ניט געווען קיין איבערראַשונג, ער האָט איהם ערוואַרטעט, און דערפֿאַר איז ער געווען רוהיג און קאַלט.

ווען דער פּרעזידענט האָט געשלאָסען די זיצונג און די זשאַנדאַרמען האָבען אַרויסגעפֿיהרט קאַזעריאָ, האָט ער געשריהען: „מוטה, קאַמעראַדען! עס לעבע די אַנאַרכיע!"

דאָס איז געווען די ענדע פֿון דיזעם אונפֿערגעסליכען פּראָצעס.

קאַזעריאָ'ס טויט.

אַם 16טען אויגוסט 1894 איז קאַזעריאָ געזעצליך ערמאָרדעט געוואָרען אין ליאָן. די גאַנצע צייט, פֿון זיין פֿעראורטהיילונג ביז דער הינריכטונג, איז ער געוועזן זעהר רוהיג און געלאַסען. ער האָט פֿיעל געלעזען, און קיינער האָט ניט געקענט אָנזעהן אויף איהם, אַז דאָס איז אַ מענש, וועלכער ערוואַרטעט יעדען טאָג דעם טויט.

אַרום 4 אַזייגער אין דער פֿריה זיינען דער פּראָקוראָר, דער הײנקער און צוויי פֿון זיינע מיטהעלפֿער אַריין אין קאַזעריאָ'ס צעלע, איהם אָנזאָגען, אַז זיין לעצטע שטונדע איז געקומען. קאַזעריאָ איז געשלאָפֿען זעהר פֿעסט און עס האָט גענומען אַ געווּיסע צייט, איידער ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. ווען ער איז ענדליך געקומען צו זיך און דער פּראָקוראָר האָט איהם געזאָגט: „האָט מוטה, קאַזעריאָ, אייער צייט איז געקומען!" האָט אַ לייכטער ציטער דורכגענומען זיין קערפּער, אָבער זיין געזיכט און אַלע זיינע בעוועגונגען זיינען געוועזן רוהיג און קאַלטבלוטיג. מען האָט איהם געפֿרעגט, אויב ער וויל טרינקען אַ שטאַרקע זאַך, אום לייכטער צו שטאַרבען; אָבער ער האָט צוערשט גאָרניט געענטפֿערט אויף דיזע פֿראַגע, און ווען מען האָט איהם נאָך אַמאָל געפֿרעגט, האָט ער געזאָגט: „איך פֿאָדער קיין זאַך ניט. איך בין פֿאַרטיג!" וועהרענד דער הײנקער האָט איהם אָבגעשאָרען די האָר, האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט צו איהם:

„אפשר זאל איך רופֿען א פריסטער פֿאַר אייך? ער וועט אייך מאַכען מוטה צו שטאַרבען."

אָבער קאַזוריאַ האָט רוהיג געענטפֿערט: „איך דאַנק אייך זעהר, נאָר איך דאַרף ניט אייער גלח. איך האָב אַליין גענוג מוטה צו שטאַרבען".

„אפשר האָט איהר נאָך עפּעס צו זאָגען, איידער איהר שטאַרבט?" האָט איהם דער אונטערזוכונגס-ריכטער א פֿרעג געטהאָן.

„ניין, כ'האָב אייך קיין זאַך ניט צו זאָגען", האָט קאַזוריאָ רוהיג געענטפֿערט. און נאָך אַ פּויזע האָט ער צוגעזעצט: „איין זאַך וועל איך אייך יאָ בעטען. איך האָב נעכטען אָנגעשריבען א בריעף צו מיין מוטער, און איך וויל, אַז איהר זאָלט איהם שיקען צו איהר".

„גוט", האָט דער פּראָקוראָר געענטפֿערט, „מיר וועלען עס זיכער טהאָן, נאָר האָט איהר ווירקליך קיין זאַך ניט צו זאָגען, איידער איהר שטאַרבט?"

קאַזוריאָ האָט אַ קנייטש געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפֿערט: „איין זאַך וואָלט איך אייך יאָ געבעטען — לאָזט מיר צופֿרידען מיט אייערע פֿראַגען!"

„אפשר ווילט איהר נאָך זעהען אייער אַדוואָקאַט?" האָט געפֿרעגט דער אונטערזוכונגס-ריכטער.

„ניין, איך דאַרף איהם ניט, וואָס פֿאַר אַ נוצען קען ער מיר בריינגען!"

אָבער די אינקוויזיטאָרען האָבען ניט אָבגעלאָזט זייער אָפּפֿער ביז צום לעצטען מאָמענט, אום פֿילייכט דאָך גאָך ארויסצושלעפּען פֿון איהם אַ פּאָר ווערטער.

„בענרייפֿט איהר דען גאָר ניט, וואָס פֿאַר שרעקליכע שמער־צען איהר האָט פֿעראורזאַכט אייער אַלטער מוטער?" האָט דער פּראָקוראָר ווייטער נעפֿרעגט.

קאַזוריאָ האָט שטענדיג געליעבט זיין מוטער מיט זיינע בעסטע און הייליגסטע געפֿיהלען. צאָהלרייכע בריעף, וועלכע ער האָט געשריבען צו איהר, און פֿון וועלכע איינינע זיינען פֿאַרגע־

לעזען געוואָרען ביים פּראָצעס, האָבען געצייגט, וואָס דער יונגער טעראָריסט האָט געפיהלט צו זיין מוטער. און דערפאַר האָט די ברוטאַליטעט פון דיזער פראַגע זעהר שטאַרק געווירקט אויף איהם. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זיין אַלטע מוטער אין איהר גאַנצער פערצווייפלונג, און דיזער געדאַנק האָט איהם געמאַכט ווייך און טרויעריג פאַר אַ מאָמענט. אין זיינע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרערען; „איך האָף, אַז איהר ועט איהר אָבגעבען מיין בריעף", האָט ער געזאָגט און פון זיין שטימע האָט זיך אַרויסגעהערט דער אינערליכער שמערץ. אָבער דיזעס געפיהל האָט איהם נור דורכגענומען פאַר אַ מאָמענט, נאָכדעם האָט ער באַלד ווידער אַרויסגעציינט זיין אַלטע קאַלטבלוטיגקייט און זיין פעראַכטונג פאַר'ן טויט.

„קומט, איך בין פאַרטיג צו שטאַרבען!" האָט ער געזאָגט מיט אַ פעסטער און ענטשלאָסענער שטימע. רוהיג און שטאָלץ איז ער נעגאַנגען צווישען זיינע הענקער צו דער גיליאָטינע. ווען ער האָט דערזעהן דאָס מעסער, האָט ער מעהר קיין אויג ניט אַראָבגענומען פון דעם בלישטשענדען שטאָהל. איידער ער איז אַרויפגעשטיגען די עטליכע טרעפען, האָט ער אויסגעשריהען: „מוטה, גענאָסען! עס לעבע די אַנאַרכיע!"

מיט איינינע סעקונדען שפעטער איז זיין קאָפּ געפאַלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע.

אַזוי האָט קאַזעריאָ בעצאָהלט זיין טהאַט מיט זיין אייגענעם לעבען. זיין מוטה, זיין ענטשלאָסענהייט, זיין פערזעגליכע גוטסקייט און ריינקייט, זיין העלדישע טהאַט, זיין ערקלעהרונג פאַר'ן געריכט און זיין טויט אויף דער גיליאָטינע האָבען זיכער געוואונען פיעל אָנהייננער פאַר דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג. אין די ראָמאַנישע לענדער איז זיין נאָמען אויף אייביג פערבונדען מיט דער געשיכטע פון דעם קעמפפענדען און ליידענדען פראָלעטאַריאַט, און דער בעריהמטער אַנאַרכיסטישער דיכטער פיעטראָ גאָרי אין איטאַליען האָט איהם געווידמעט איינע פון זיינע שעהנסטע און הערליכסטע ליעדער.

* * *

זעהר אינטערעסאַנט איז געווען די שטעלונג פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פרעסע צו דעם אַטענטאַט אין ליאָן. פֿיעלע סאָצ. דעמ. צייטונגען האָבען אַרויסגעציינט אַזאַ נידעריגע האַלטונג, וועלכע האָט זאָגאַר נאָך אַריבערגעשטיגען די האַלטונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע.

מען קען האָבען פֿערשידענע אַנזיכטען איבער דעם ווערטה און די בעדייטונג פֿון אַזעלכע טהאַטען, אָבער יעדער עהרליכער מענש וועט צוגעבען, אַז אַ מענש, וועלכער גיט אַוועק זיין אייגענעם לעבען פֿאַר זיין אינערליכסטע און הייליגסטע איבערציינונג, פֿערדינט די אַכטונג און דעם רעספּעקט פֿון אַלעמען, אונגעאַכטעט ווי מען זאָל ניט אורטהיילען זיין טהאַט און דעם נוצען אָדער שאָדען, וועלכע זי קען ברייגגען פֿאַר אַ בעוועגונג. איבערהויפּט וואָלט מען אייגענטליך געדאַרפֿט ערוואַרטען, דאָס אַ פּאַרטיי, וועלכע גלויבט אַזוי שטאַרק אין די אייזערנע געזעצמעסיגקייט פֿון די היסטאָרישע פּאַסירונגען, זאָל אַם וויינינגסטענס פֿערזוכען צו ערקלעהרען אַזעלכע טהאַטען און די אומשטענדען, וועלכע האָבען זיי אַרויסגערופֿען. אָבער דיזעלבע פּאַרטיי, וועלכע געפֿינט זאָגאַר פֿאַר דאָס געוועהנליכסטע פֿערברעכען און פֿאַר די ענאָאיסטישסטע און ברוטאַלסטע האַנדלונגען אין דעם היינטיגען געזעלשאַפֿטס-לעבען אַן ערקלעהרונג, האָט ניט נאָר די טהאַט פֿון קאַזעריאָ איינשטימיג פֿערדאַמט, נאָר פֿיעלע פֿון איהרע „פֿיהרענדע גייס-טער" האָבען זאָגאַר דעם יונגען אַטענטעטער פערזענליך בעשמוצט און פֿערלוימדעט.

עס האָט זעלטען געטראָפֿען, דאָס אַ פּאַרטיי, וועלכע שטאָלצירט ביי יעדער געלעגענהייט מיט איהר פּאָליטישען ראַדיקאַליזם, זאָל זיך בענעהמען אַזוי פֿייג און נידעריג אין אַ מאָמענט, ווען די רעאַקציאָן האָט זיך איבעראַל גענומען צו דער אַרבייט צו פֿערפֿאָלגען די אַנאַרכיסטען.

איינינגע ציטאַטען פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פרעסע פֿון יענער פעריאָדע וועלען דעם לעזער אַם דייטליכסטען אילוסטרירען אונזער בעהויפּטונג.

די "Justice", דער אָרגאַן פֿון דער סאָצ. דעמ. פֿעדעראַציאָן אין ענגלאַנד, האָט געשריבען איבער דעם אַטענטאַט ווי פֿאָלגט:

„מיר בעדויערן פֿון טיעפֿען הארצען, וואָס דער פּרעזידענט קאַרנאָ איז ערמאָרדעט געוואָרען פֿון אַן אַנאַרכיסטישען שופֿט. מיר סימפּאַטיזירען מיט דעם פֿראַנצויזישען פֿאָלק, וועלכעס האָט פֿערלוירען דעם העכסטען בירגער זיינעם דורך אַ געמיינעם און אונמאָטיווירטעם פֿערברעכען. מיר האָבען שטענדיג געבראַנדמאַרקט די אַנאַרכיסטען אַלס פֿערברעכערישע משוגעים און ערקלעהרט, וואָס עס וועט זיין דער סוף פֿון זייערע אידעען. מיר ווייסען, אַז אַזעלכע טהאַטען ווי די, וועלכע איז בעגאַנגען געוואָרען אין ליאָן, וועלען פֿערשטאַרקערן די רעאַקציאָן און שעדיגען דעם סאָציאַליזמוס..."

די „בודאַפּעסטער פֿאָלקס־שטימע", דער אָרגאַן פֿון דער אונגאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געשריבען אויף אַזאַ מין אַרט:

„אַזעלכע מערדערייען, וועלכע זיינען אין דער לעצטער צייט פֿאָרגעקומען אין די זיד־וועסטליכע שטאַאַטען פֿון אייראָפּאַ, הויפּטזעכליך אין פֿראַנקרייך, ברייגגען ניט דעם קלענסטען נוצען פֿאַר די פֿערבעסערונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט און זיינען גאַנץ געמיינע און אָבשייליכע פֿערברעכען. די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז דאָס איינציגע מיטעל צו בעפֿרייען די געזעלשאַפֿט פֿון די שענדליכע אַנאַרכיסטישע מערדערייען."

דער „גריטליאַנער", דער צענטראַל־אָרגאַן פֿון דער שווייצערישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט ערקלעהרט:

„די ערמאָרדונג פֿון דעם פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק איז אַ שענדליכעס פֿערברעכען. עס איז די טהאַט פֿון אַ וואַהנזיניגען פֿאַנאַטיקער און פֿאַנאַטיקער זיינען שטענדיג געפֿעהרליכע מענשען. אַ זיכערעס מיטעל געגען אַזעלכע אינדיווידוען גיט עס ניט. זיי ענטוויקלען זיך אַם בעסטען אין אַ צייט פֿון עקאָנאָמישער און מאָראַלישער פֿערפֿוילטקייט. עס זיינען זומפּפֿלאַנצען."

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין איטאַליען האָט

אַרויסגעלאָזט אַ בעזונדערן מאַניפֿעסט, אין וועלכען עס געפֿינען זיך די פֿאָלגענדע ווערטער:

„צו רעוואָלטירען אָהן אַ שום געדאַנק און גיט צו פֿרעגען צי די צושויער אין אַ טהעאַטער ווערן צוריסען פֿון אַ באָמבע, צו ערמאָרדען אַ מענשען איז אַ טהאַט פֿון באַרבאַרען, וועלכע זיינען אַראָב פֿון זינען. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייִ זעהט אין דיזע אַקטען ניט מעהר ווי אַ מאַניפֿעסטאַציאָן פֿון דער בורזשואַזער אַנשויאונג."

פֿון די ערקלעהרונגען, וועלכע די סאָצ. דעמ. פּרעסע אין דייטשלאַנד האָט אָבגעגעבען, ווע לען מיר שוין בעסער גאָר ניט ריידען, דען זיי שטייגען זאָגאַר אַריבער די ערגסטע פֿערלוימדונגען פֿון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע.

נאָר גאַנץ וויינינע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צייטונגען האָבען פֿערזוכט צו ערקלעהרען די טהאַט פֿון ליאָן און די פּסיכאָלאָגישע אורזאַכען, וועלכע האָבען קאַזעריאָ געמאַכט צו בעגעהן דיזע טהאַט.

דער איטאַליענישער סאָציאַל-דעמאָקראַט טוראַטי איז געווען איינער פֿון די וויינינע, וועלכע האָבען אַם וויינינסטענס דעם מוטה געהאַט צו פּראָטעסטירען געגען די פֿערלוימדונגען פֿון דער רעאַקציאָן און געמאַכט אַן עהרליכען פֿערזוך צו ערקלעהרען קאַזעריאָ'ס טהאַט, אָבוואָהל ער איז שטענדיג געווען דער שטאַרק-סטער געגנער פֿון יעדען טעראָריסטישען אַקט.

טוראַטי האָט אין דער “Critica sociale” פֿערעפֿענטליכט אַן אַרטיקעל איבער דעם אַטענטאַט אין ליאָן, אין וועלכען ער האָט געמאַכט די פֿאָלגענדע אינטערעסאַנטע בעמערקונג, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט אויך ביאָגראַפֿיש וויכטיג, אום צו אורטהיילען איבער דעם כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט פֿון קאַזעריאָ. ער זאָגט:

„מען דערצעהלט אונז, אַז די אַנאַרכיסטען רעספּעקטירען ניט זייער פֿאָטערלאַנד... מיר האָבען קאַזעריאָ פּערזענליך געקענט, דען אין מילאַן איז ער אָפֿטמאָל געקומען אין אונזערע פֿערזאַמ-לונגען, צוזאַמען מיט אַנדערע אַנאַרכיסטען, אום אונז צו בעקעמפֿפֿען. ער איז ניט געווען אַזוי ליידענשאַפֿטליך און אויפֿגערעגט ווי

מאנכע פון זיינע קאמעראדען. פערקעהרט, ער איז געווען א רוהיגער מענש, וועלכער האט ליעב געהאט איבערצודיינקען יעדע זאך. גערעדט האט ער זעהר ווייניג, און אלע, וואס האבען איהם געקענט, האבען געוואוסט, אז ער איז געווען אן ערנסטער און פלייסיגער יונגער מאן, וועלכער האט שטענדיג געארבייט פאר זיין לעבען.

„איב עס וואלט זיך אונז איינגעגעבען, איהם צו בעפרייען פון זיינע פאלשע פאליטישע אנשויאונגען, וואלט ער זיכער געווארען איינער פון די אונזעריגע. אבער די פאליציי האט עס ניט געוואלט דערלאזען. מען האט איהם איבעראל נעבראנדמארקט אלס א מענש, וועלכער רייצט אויף די מאסען; שפיאנען האבען איהם פערפאלגט אויף יעדען טריט, וועלכען ער האט געמאכט, און די מייסטערס האבען איהם צולעצט מעהר קיין ארבייט ניט געגעבען, אבוואהל אלע זיינען געווען צופרידען פון איהם. אזוי האט מען איהם צולעצט געצוואונגען פרייוויליג צו פערלאזען זיין פאטערלאנד. עס איז געווען די פאליציי, וועלכע האט געמאכט פון קאזעריא א פאנאטיקער און אן אפפער פאר דער גיליאטינע."

מיר זיינען געווים ניט איינשטימיג מיט דיזער אנשויאונג, אבער טוראטי'ס ארטיקעל איז אם וויינגסטענס געווען אן עהרליכער פערזוך צו אורטהיילען איבער קאזעריא און זיין טהאט. און דיזע האנדלונג פערדינט דערפאר, מיר זאלען איהר ספּעציעל דערמאהנען, וויל זי איז געווען אן אויסנאהמע אין דער גאנצער סאציאל-דעמאקראטישער פרעסע.

עס איז נאך וויכטיג צו בעמערקען, אז די שטעלונג פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פרעסע צו די אטענטאטען פון ראוואשאל, וואיאן, האנרי און די טעראריסטישע טהאטען פון אנארכיסטען אין אנדערע לענדער איז שטענדיג געווען דיזעלבע, יא, אין מאנכע פעלע איז איהר שטעלונג געווען נאך ערגער ווי עס איז געווען דער פאל צו דעם אטענטאט אין ליאן. א ביישפיעל דערפאר איז געווען די ערקלעהרונג פון ליעבקנעכט אין דעם בערלינער „פאר-ווערטס", דעם צענטראל-ארגאן פון דער סאציאל-דעמאקראטישער

פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, אין בעצוג אויף ראַוואַשאָל און זיינע טהאַטען. ליעבקנעכט האָט נעמליך דירעקט בעהויפּטעט, אַז ראַוואַשאָל איז געווען אַ בעצאָהלטער שפּיאָן פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, און ער האָט דיזע בעהויפּטונג זאָגאַר נאָך ווידערהאָלט, ווען ראַוואַשאָל'ס קאָפּ איז געפאַלען אונטער דעם מעסער פון דער גיליאָטינע.

מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט און מיר ווידערהאָלען עס נאָך אַמאָל, אַז מען קען בעטראַכטען אַזעלכע טהאַטען פון פערשידענע זייטען, מען קען האָבען פערשידענע מיינונגען איבער זייער נוצען און זייער בעדייטונג, אָבער די געמיינסטע האַנדלונג, וועלכע אַ מענש קען נאָר בעגעהן, איז די נידעריגע און פייגע פערדעכטיגונג, וועלכע בעהויפּטעט אָהן אַ שום בעוויז, דאָס אַ מאַן, וועלכער שטאַרבט פאַר זיין איבערצייגונג, איז אַ בעצאָהלטער אַגענט פון דער רעגירונג. און דיזע שענדליכע טאַקטיק פון פערלוימדונג איז אָנגעווענדעט געוואָרען אין דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פרעסע אין דייטשלאַנד און אין פיעלע צייטונגען פון דערזעלבער פּאַרטיי אין אַנדערע לענדער. די צוקינפטיגע היסטאָריקער פון דער סאָציאַלער בעוועגונג וועלען זיכער ניט פערגעסען אָבצוגעבען אַ גערעכטען אורטהייל איבער דיזע טרויעריגע און סיסטעמאַטישע פערלוימדער־טאַקטיק פון אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט שטענדיג פּרעטענדירט צו זיין אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבייטער פּאַרטיי.

אַמילקאַרע טשיפּריאַני, דער בעקאַנטער איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט שוין אַזוי אָפּט פערגאָסען זיין בלוט פאַר דער סאָציאַלער בעפרייאונג און געשמאַכטעט לאַנגע יאָהרען אין די געפענגניסע פון דער טיראַניי, האָט אָבגעגעבען אַן ערקלעהרונג איבער קאַזעריאָ'ס טהאַט, וועלכע טרעפט ניט בלויז די בורזשואַזיע, נאָר אין דערזעלבער צייט אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פרעסע, דערפאַר וואָס זי האָט גענומען אַן אַנטהייל אין דעם אַלגעמיינעם פערדאַמונגס־געשריי פון דער רעאַקציאָן.

די דאָזיגע ערקלעהרונג, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט אַ הויכטיגער היסטאָרישער דאָקומענט, לויטעט ווי פאָלגט:

„אין דער צייט, ווען איך בין געווען אין פראנקרייך, האט די בורזשואזע פרעסע צוגעשריבען צו מיר געוויסע מיינונגען און בעמערקונגען איבער די טהאט פון קאזעריא, וועלכע זיינען אין גאנצען ניט אין אנקלאנג מיט דער וואהרהייט.

„מעגליך, אז די פאליציי האט מיר געוואלט אונטערשטעלען א פיסעל און מיך געוואלט צווינגען אבצוגעבען אזא ערקלעהרונג, וועלכע זאל איהר געבען די מעגליכקייט מיך צו ארעסטירען און צו ווערן פטור פון מיר.

„איך האב פראטעסטירט אין דער „פעטיט רעפיבליק", נאר מיין פראטעסט איז געהאלטען געווען זעהר פארזיכטיג, אום ניט ארויסצורופען מיין ארעסטירונג.

„איצטער, ווען איך קען רעדען אפען און פריי, ניט ריזיקירענדיג דערמיט מיך אליין איבערצוגעבען אין די הענד פון דער ווילדער בורזשואזער רעאקציאן, ערקלעהר איך, אז נאך מיין מיינונג נאך איז די טהאט פון קאזעריא געווען א בעדייטענדע פאליטישע טהאט; מען קען דיסקוטירען איבער די פראקטישע ניצליכקייט פון דיזען אקט, אויב מען וויל, אבער קיינער קען ניט אבלייקענען, אז עס זיינען געווען די נאבעלסטע מאראלישע געפיהלען, וועלכע האבען אינספּירירט קאזעריא און וועלכע האבען איהם געשטעלט גלייך צו די גרעסטע מערטירער פאר די זאך פון דער אונטערדריקטער מענשהייט.

„דיזעלבע בורזשואזיע, וועלכע זינגט גאנצע לויב־ליעדער און בויט מאנומענטען פאר מענער ווי ארסיני, אדושעסילאא מילאנא און אנדערע מערטירער פון דער היינטיגער ארדנונג, מאכט זיך אליין לעכערליך, אנרופענדיג קאזעריא א מערדער און זעהענדיג אין דערזעלבער צייט, אז ער איז געשטארבען פאר דאס פאלק און ניט אום צו שאפען א וועג פאר נייע אונטערדריקונגען."

* * *

אז די רעאקציאנערע פרעסע האט אין יענער צייט געהעצט מיט אלע מעגליכקייטען געגען דעם אנארכיזמוס און זיינע פראפאגאנדיסטען, פערשטעהט זיך פון זעלבסט. די *פרעס־קאזאקען*

פון דעם היינטיגען סיסטעם האבען געמאכט די אונמענשליכסטע און באַרבאַרישסטע פאָרשלעגע ווי צו פערניכטען די אַנאַרכיסטען. דער איטאַליענישער זשורנאַליסט באַנדי, איינער פון די רעאַקציאָנערסטע און נידעריגסטע באַנדיטען אין דער גאַנצער זשורנאַליסטישער וועלט, וועלכער האט רעדאַקטירט צוויי צייטונגען אין ליוואָרנאָ "La Gazetta Livornese", און "Il Telegrafo" האט געפאָדערט אין זיינע צייטונגען, אַז מען זאָל ווידער איינפיהרען די קערפערליכע בעשטראָפונג פאַר אַנאַרכיסטישע פערברעכער. אָבער דיזער פאָרשלאַג איז אין דערזעלבער צייט געווען זיין טויטעס-אורטהייל, דען אַם 1־טען יולי, דעמזעלבען טאָג ווען קאַרנאָ איז בעגראָבען געוואָרען, איז באַנדי דערשטאָכען געוואָרען אין ליוואָרנאָ.

* * *

אין פראַנקרייך האַט די רעאַקציאָן געמאַכט די גרעסטע אָנשטריינגונגען צו פערניכטען די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג, אָבער אָבוואָהל זי האַט אונטערדריקט די גאַנצע אַנאַרכיסטישע פרעסע און אַרעסטירט די פעהיגסטע פראָפּאַגאַנדיסטען, איז זי ניט אימשטאַנדע געווען אויסצופיהרען איהר פלאַן. קאַזעריאָ'ס רעדע פאַר'ן געריכט, וועלכע די פרעסע האַט ניט געדאַרפט פערעפענטליכען, צוליעב די נייע אויסנאַהמע-געזעצע געגען די אַנאַרכיסטען, איז טראָץ דעם פערשפרייט געוואָרען אין פילע טויזענדער עקזעמפּלאַרען. פּוזשע, דער רעדאַקטאָר פון דעם „פער פענאַר", האַט זיין צייטונג אַרויסגעגעבען אין לאָנדאָן, און פון דאָרטען האַט מען איהר געהיים אַריבערגעבראַכט נאָך פראַנקרייך, וואו זי האַט געפונען אַ גוטע אויפנאַהמע ביי די אַרבייטער.

דער בעריהמטער „פּראָצעס פון די 30" איז געווען דער עפּילאָג פון דער טעראָריסטישער פעריאָדע אין פראַנקרייך, וועלכע האַט זיך אָנגעפאַנגען מיט די אַטענטאַטען פון ראַוואַשאָל און געענדיגט מיט דער הינריכטונג פון סאַדי קאַרנאָ. דיזער פּראָצעס איז פאַר דעם אַנאַרכיזמוס געווען דער בעדייטענדסטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער ערפאָלג; און אין דערזעלבער צייט אַ טויטעס־אורטהייל פאַר די ברוטאַלע רעאַקציאָן אונטער דער הערשאַפט

פֿון קאַזימיר פעריע. די געשיכטע פֿון דעם „פּראָצעס פֿון די 30“ וועט זיין דער אינהאַלט פֿון אונזער נעכסטען קאַפּיטעל און אין דערזעלבער צייט דער שלוס פֿון אונזערע היסטאָרישע אָבהאַנדלונגען איבער יענער אינטערעסאַנטער און אָפּפערייכער פעריאָדע אין דער געשיכטע פֿון דעם פֿראַנצויזישען אַנאַרכיזמוס.

דער פראצעס פון די דרייסיג.

אונטער די פּאָליטישע פּראָצעסען, וועלכע האָבען מעהר אָדער ווייניגער אַרויסגערופֿען די עפֿענטליכע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פֿראַנצויזישער געזעלשאַפֿט זייט דער פּראָקלאַמאַציאָן פֿון דער דריטער רעפּובליק, איז דער פּראָצעס פֿון די דרייסיג געוועזען דער אינטערעסאַנטעסטער, און, וואָס אָנבעלאַנגט זיינע פֿאָלגען, דער בעדייטענסטער.

זייט דעם גרויסען פּראָצעס געגען די מיטגלידער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־אַסאָסיאַציאָן", וועלכער האָט נאָך שטאַטגעפֿונען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, האָט פֿראַנקרייך ניט מעהר געהאַט אַזאַ פּראָצעס. דיביידע פּראָצעסען האָבען געהאַט אַ געוויסע עהנליכקייט איינער מיט'ן אַנדערען. זיי זיינען ביידע סיסטעמאַטיש און פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירט געוואָרען פֿון דער רעאַקציאָן, די אָנקלאַגע איז מעהר אָדער ווייניגער געוועזען דיזעלבע, די פּערזאָנען, וועלכע זייגען געשטאַנען פֿאַר'ן געריכט, זיינען בעקאַנט און בעליעבט געוועזען אין דער גאַנצער פֿראַנצויזישער אַרבייטער־וועלט. די בעריהמטע רעדע פֿון דעם בוכבינדער וואַרלען, דעם גרעסטען פּראָפּאַגאַנדיסט פֿון דער פֿראַנצויזישער סעקציאָן פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלע", וועלכער איז אין דעם אויפֿשטאַנד פֿון דער פּאַריזער קאָמונע אויף אַ שרעקליכען אופן ערמאָרדעט געוואָרען פֿון זיינע הייגקער, האָט געהאַט דיזעלבע ווירקונג ווי די אויסגעצייכענטע רעדען פֿון סעבאַסטיאַן פֿאָר אין דעם פּראָצעס פֿון די דרייסיג, און דער רעזולטאַט פֿון ביידע פּראָצעסען איז געוועזען דערזעלבער

— אַ מאָראַלישע נידערלאַגע פֿון דער רעאַקציאָן און אַ פֿאָל־שטענדיגער זיעג פֿון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג.

דער פּראָצעס פֿון די דרייסיג איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פֿון די אויסנאַהמע־געזעצע פֿון'ם 28טען יולי 1894. די איינענטליכע אַבזיכט פֿון דעם רעאַקציאָנערען קאָמפּלאָט, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרען אונטער דער הערשאַפֿט פֿון קאַזימיר פּעריע און דיפּואַי, איז געווען די פֿערניכטונג פֿון אַלע בעקאַנטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון'ם אַנאַרכיזמוס אין פֿראַנקרייך.

זייט די ערשטע אַטענטאַטען פֿון ראַוואַשאָל ביז צו דער הינריכטונג פֿון סאַדי קאַרנאָ האָט די פּאָליציי אַרעסטירט טוי־זענדער מענשען אין אַלע טהיילען פֿון פֿראַנקרייך, אָבער דער רעזולטאַט פֿון דיזע אַלע פֿערפֿאָלגונגען איז געווען אַזוי מאָגער, אַז די פֿערטרעטער פֿון דער זאָגענאַנטער עפֿענטליכער זיכערהייט האָבען זיך אַליין געמוזט שעמען. קיין איינציגעס מאָל איז די פּאָליציי אימשטאַנדע געווען צו פֿערהינדערן אַן אַטענ־טאַט, אָבוואָהל זי האָט אָרגאַניזירט גאַנצע אַרמעען פֿון שפּיאָנען געגען די אַנאַרכיסטען. די רעגירונג האָט אויסגעגעבען געוואַל־טיגע סומען געלד פֿאַר די אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער געהיימער פּאָליטישער פּאָליציי, מען האָט אַרעסטירט רעכטס און לינקס, אָבער פּונקט די, וועלכע מען האָט געוואָלט טרעפֿען, האָט מען קיינמאָל ניט געטראָפֿען.

די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט איהרע לעזער דערצעהלט יעדען טאָג פֿון גרויסע אַנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציעס, פֿון אַ געוואַלטיגער אָרגאַניזאַציאָן פֿון אַנאַרכיסטישע פֿערברעכער, וועלכע שרעקען זיך ניט אָב פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט, אום אויסצופֿירען זייערע שרעקליכע פּלענער. זי האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה צו פֿערדרעהען די וואַהרהייט, און ווען איינינע פֿערנינפֿטיגע צייטונגען האָבען געשריבען, אַז די אַלע טהאַטען, וועלכע האָבען שטאַטגע־פֿונען, זיינען געווען די פֿרייוויליגע אַקטען פֿון איינצעלנע פּערזאָנען, וועלכע האָבען געהאַנדעלט אויף זייער אייגענע פֿעראַנטוואָרטליכ־קייט, האָט מען זיך אויסגעלאַכט פֿון זיי. און דאָך איז דיזע בעהויפּטונג געווען פֿאָלקאָמען ריכטיג; די מעהרסטע *פֿון די*

טעראָריסטען זיינען גאַנץ וויניג בעקאַנט געווען אין דער עפענטליכער בעוועגונג. און דאָס איז אויך געווען די אורזאַכע, פאַר וואָס די פאָליציי האָט קיינמאָל ניט געהאַט קיין ערפאָלג מיט איהרע פערפאָלגונגען. אָבער ווען די וויינינגע בירגערליכע צייטונגען, וועלכע האָבען ניט פערלאָרען דעם קאָפּ אין דעם אַלגעמיינעם כאַאָס, האָבען פערטרעטען אַזעלכע אַנזיכטען, האָט די רעאַקציאָנערע פרעסע זיי אַטאַקירט אויף דעם ערגסטען אופן און ערקלעהרט, אַז די אַלע טהאַטען זיינען געווען די אַרבייט פון אַ גרויסער אַנאַרכיסטישער קאָנספיראַציע.

נאָר דיזע לעכערליכע לעגענדע, וועלכע די פערטהיידיגער פון דעם איצטיגען סיסטעם האָבען אַליין ערפונדען און פערזוכט צו פערשפרייטען ווי וויט מעגליך, איז צולעצט געוואָרען אַ געפאַהר פאַר זיי אַליין. אפילו צווישען די, וועלכע זיינען פריהער איינשטימיג געווען מיט דעם אונטערדריקונגס־סיסטעם געגען די אַנאַרכיסטען, האָבען זיך אויפגעהויבען שטימען, וועלכע האָבען ערקלעהרט: אויב עס איז ווירקליך ריכטיג, וואָס די אָפיציעלע פרעסע בעהויפּ־טעט, אַז עס עקזיסטירט יאָ אַ גרויסע אַנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציע, דאַן בעווייזט עס נאָר איין זאַך, אַז די קאָנספיראַטאָרס זיינען פיעל פעהיגער און מעכטיגער ווי די פאָליציי. די אַלע אַרעסטירונגען פון אונשולדיגע פערזאָנען האָבען גאָר אַרויסגערופען דעם האַס און אַלגעמיינע פעראַכטונג געגען די טאַקטיק פון דער רעגי־רונג; זיי האָבען דאַדורך נאָך פערגרעסערט די עפענטליכע אונ־צופרידענהייט און געשאַפען אַ נינסטיגען צושטאַנד פאַר די ענטוויקלונג פון דער אַנאַרכיסטישער פראָפּאַגאַנדאַ.

דיזע שטימען זיינען מיט דער צייט געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט שוין אָנגעפאַנגען זיך עפענטליך אויסצולאַכען פון אַלע מאַסרעגלען פון דער רעגירונג. אין די וויץ־בלעטער האָט מען געבראַכט טויזענדער פערשידענע קאַריקאַטורען פון קאַזימיר פעריע, דעם ניי־געוואָרענעם פרעזידענט, פון דיפּואַי דעם מי־ניסטער־פרעזידענט און אַלע אַנדערע בעקאַנטע פיהרער פון דער רעאַקציאָן. און אין קיין לאַנד איז אָבלאַכען פון אַ געווויסע פער־זאָן אָדער פון אַ געוויסע זאַך ניט אַזוי געפעהרליך ווי אין

פֿראַנקרייך. „לעבערליכקייט טויטעט!” זאָגט דער פֿראַנצויז, און מאַנכער פֿון די פֿיהרענדע גייסטער אין פֿראַנקרייך האָט שוין געפֿיהלט דורך איינענע ערפֿאַהרונג די וואַהרהייט פֿון דיזע ווערטער. דער עפֿענטליכער שפּאָט, דאָס נאַטירליכע קינד פֿון דעם פֿראַנצויזישען גייסט, האָט קאַזימיר פּעריע געצוואונגען צו רעזיגנירען אַלס פּרעזידענט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעפּובליק, נאָך דעם ווי ער איז קוים געווען זיבען מאָנאַט אין זיין שטעלונג.

די רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט באַלד פֿערשטאַנען, אַז זי דאַרף עפּעס טהאָן, אום אָבצושוואַכען די געפֿעהרליכע שטימונג. אָט דערפֿאַר האָט זי אָרגאַניזירט די אַרעסטירונג פֿון די וויכטיגסטע און בעדייטענסטע אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטען און האָט פֿאָרבערייטעט דעם „פּראָצעס פֿון די דרייסיג”. פֿאַר די דרייסיג אַנאַרכיסטען איז די לאגע אין אָנפֿאַנג געווען זעהר געפֿעהרליך. די גאַנצע רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט פֿערשפּרייט די נאַכריכט, אַז די רעגירונג האָט ענדליך ענטדעקט די גאַנצע אַנאַרכיסטישע קאָנספּיראַציע, פֿערקויפֿטע זשורנאַליסטען האָבען רעפּאָרטירט די וואַהנזיניגסטע איינצעלהייטען וועגען דער פֿערשווערונג, און קיינער האָט זיי גיט געקענט ענטפֿערן, דען די אַנאַרכיסטישע פּרעסע איז געווען אונטערדריקט, און די אָפּאָזיציאָנעלע בירגערליכע און סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט פּשוט מורא געהאַט צו זאָגען דעם אמת, איבערהויפּט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אַנאַרכיסטען.

די טאַקטיק פֿון דער רעגירונג איז געווען גאַנץ קלוג. זי האָט געוואוסט, אַז אַ גרויסער טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג איז געגען די אויסנאַהמע־געזעצע, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען גוט פֿערשטאַנען, אַז די אַנאַרכיסטען וועלען נאָר זיין די ערשטע אָפּפֿערס פֿון דיזע געזעצע; נאָר מען ווערט זיך ביי זיי ניט אָבשטעלען און וועט זוכען ווייטערע אָפּפֿערס אין די רייהען פֿון יעדער פּראָגרעסיווער בעוועגונג.

דורך דעם פּראָצעס פֿון די דרייסיג האָט די רעגירונג געוואָלט בעווייזען די נויטווענדיגקייט פֿון דיזען שענדליכען אַטענטאַט אויף די פּאָליטישע רעכטע און פֿרייהייטען פֿון׳ם *פֿראַנצוי-*

זישען פֿאָלק. „איהר זעהט", האָבען געזאָגט די רעאַקציאָנערען, „ווען מיר וואָלטען ניט נעהאַט די גייע געזעצע, וואָלטען מיר קיינמאָל ניט אויסגעפֿונען די שרעקליכע פֿערשווערונג". און מיט דיזען אַרגומענט האָט מען געדיינקט צו פֿערשטאָפּען די מיילער פֿון דער אָפּאָזיציאָן.

אָבער די רעגירונג האָט נאָך געהאַט אַן אַנדער אַבזיכט — זי האָט געוואָלט פֿערניכטען דעם אַנאַרכיזמוס דורך די פֿערגיכטונג פֿון זיינע פֿעהיגסטע פּראָפּאַגאַנדיסטען. זי האָט געוואָלט טרעפֿען מיט איין קלאַפּ דעם קאָפּ פֿון דער בעוועגונג, האָפֿענדיג דורך דעם צו פֿערניכטען די גאַנצע בעוועגונג.

עס איז נאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז די טעראָריסטישע אַקטען האָבען געוואָרפֿען אַ שרעק אויף די הערשענדע קלאַסע אין פֿראַנקרייך, אָבער עס איז אויך זיכער, אַז דער דיינקענדער טהייל פֿון דער פֿראַנצויזישער בורזשואַזיע האָט זעהר גוט פֿערשטאַנען, אַז די טעראָריסטישע אַקטען בילדען ניט די אייגענטליכע געפֿאַהר, זאָנדערן די אידעע, די פּראָפּאַגאַנדאַ פֿון'ם אַנאַרכיזמוס, מיט איין וואָרט די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג. כמעט יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי האָט געהאַט געוויסע אָנהייגער, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט דעם טעראָריזמוס, אפילו די קלעריקאַלע און קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען, אָבער טראָץ דעם זיינען די פֿערפֿאָלגונגען נעגען זיי ניט געווען אַזוי שרעקליך ווי געגען די אַנאַרכיסטען. די אורזאַכע איז לייכט צו ערקלעהרען. די פֿערטרעטער פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט וויסען גאַנץ גוט, אַז די טעראָריסטישע אַקטען זיינען די אַרבייט פֿון איינצעלנע עקסטרעמע אינדיווידוען, וועלכע זיינען פֿאַרטיג אַוועקצוגעבען זייער לעבען פֿאַר דאָס, וואָס זייער אינערליכע איבערצייגונג האַלט פֿאַר גוט און גערעכט; נאָר דיזע מענשען בילדען נאָר אַ גאַנץ קליינעם טהייל אין דער געזעלשאַפֿט, און פֿאָלגליך טרעפֿען זייערע אַקטען נאָר איינצעלנע פֿערטרעטער פֿון דעם היינטיגען סיסטעם. אָבער די אייגענטליכע געפֿאַהר ליגט אין דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, אין דער סיסטעמאַטישער צושטעהרונג פֿון אַלע פֿונדאַמענטען, אויף וועלכע די היינטיגע געזעלשאַפֿט גרינדעט זיך. די אַנאַר-

כיסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ פֿערניכטעט דעם רעספּעקט פֿאַר די אַלטע
טראַדיציאָנען, איהר שאַרפֿע און שניידענדע קריטיק ריכטעט זיך
געגען אַלע אינסטיטוציאָנען פֿון דער בירגערליכער געזעלשאַפֿט,
געגען אַלע מאָראַלישע בעגריפֿע און פֿאָרשטעלונגען, וועלכע ביל-
דען די גייסטיגע גרונדלאַגע פֿון דעם היינטיגען סאָציאַלען רע-
זשים, זי פֿערניכטעט די שקלאַפֿישע געדולד פֿון די מאַסען און
ענטוויקעלט אין זייערע הערצער רעבעלישע געפֿיהלען און רעוואָ-
לוציאָנערע אינסטינקטען, און דאָס איז די אייגענטליכע געפֿאַהר
פֿון'ם אַנאַרכיזמוס פֿאַר דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט.

דער שטאַאַטס-פּראָקוראָר בילאָ, איינער פֿון די ביטערסטע
געגנער פֿון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג, דערזעלבער בילאָ,
וועלכער האָט שטענדיג געפֿאָדערט די ברוטאַלסטע און גרויזאַמ-
סטע שטראָפֿען פֿאַר אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטען, דערזעלבער בילאָ,
וועלכער האָט אין אַלע פּראָצעסען געגען די פּאַריזער אַנאַרכיס-
טען געשפּילט דיזעלבע ברוטאַלע ראָלע פֿון אַ הײנקער, און אויף
וועלכען ראַוואַשאָל האָט געמאַכט איינעם פֿון זיינע באָמבען-
אַטענטאַטען,—דערזעלבער בילאָ האָט אַליין קלאָהר און דייטליך
ערקלעהרט אין דעם פּראָצעס געגען זשאַן גראַוו און זיין בוך „די
אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפֿט און די אַנאַרכיע״, אַז די טהעאָרע-
טיקער פֿון דעם אַנאַרכיזמוס זיינען די אייגענטליכע פֿערברעכער,
די אינטעלעקטועלע פֿעראורזאַכער פֿון די אַנאַרכיסטישע אַטענ-
טאַטען.

אָט דערפֿאַר האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג יעצט פֿער-
זוכט אויסצונוצען די געלעגענהייט, אום צו פֿערניכטען די גייס-
טיגע קרעפֿטע פֿון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג אין פֿראַנקרייך.
אויב זי וואָלט געהאַט די מעגליכקייט, וואָלט זי זיכער געשיקט
די „דרייסיג״ צו דער גיליאָטינע, אָבער וויל דאָס איז אונמעג-
ליך געווען, האָט מען פֿערזוכט פּטור צו ווערען פֿון זיי אויף אַן
אַנדער אַרט.

די נייע געזעצע האָבען דער רעגירונג געגעבען די מעגליכ-
קייט צו פֿערשיקען אַלע אונבעקוועמע עלעמענטען נאָך קאַיען,
אויף די „טרוקענע גיליאָטינע״, ווי מען רופֿט *עס אין פֿראַנקרייך,*

דען דער מערדערישער קלימאַט פֿון דיזען לאַנד ערפֿילט פּונקט
אַזוי גוט דעם וואונש פֿון דער רעגירונג ווי די גיליאָטינע פֿון
מאָנסיע דייבלער. דאָס זעלבע געזעץ האָט אויך פֿערבאָטען די
פּובליקאַציאָן פֿון די פֿערטהיידיגונגס-רעדען פֿון אָנגעקלאָגטע
אַנאַרכיסטען; מען האָט איינפֿאַך פֿעראורטהיילט און די שטימע
פֿון די אָנגעקלאָגטע איז דערשטיקט געוואָרען, דאָס איז זיכער
געווען בעקוועם פֿאַר די רעגירונג און אין דערזעלבער צייט זעהר
געפֿעהרליך פֿאַר די אַנאַרכיסטען.

דער פּראָצעס פֿון די דרייסיג איז געווען ניט מעהר און ניט
ווייניגער ווי אַ רעאַקציאָנערער קאָמפּלאָט. די רעגירונג האָט
געוואָלט פֿעראורטהיילען דיזע מענער, וואָס עס זאָל איהר ניט
קאָסטען, און מיט רעכט האָט ראָשפֿאָר געשריבען אין זיין צייטונג
אַ טאָג בעפֿאָר דעם פּראָצעס, אַז די דרייסיג זיינען שוין פֿער-
אורטהיילט נעוואָרען, נאָך איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגע-
פֿאַנגען, און אַז אין קאַיען זיינען שוין פֿאַרטיג דרייסיג נייע קברים
פֿאַר די אָפּפֿער פֿון אַ שענדליכען אויסנאַהמע-געזעץ.

אָבער די רעגירונג איז נאָך ניט געווען צופֿרידען מיט דיזע
מאַסרעגלען, זי האָט דעם פּראָצעס געגעבען אין די הענד פֿון
דעם שטאַאטס-פּראָקוראָר בילאָ, און אין בילאָ'ס ווערטער-בוך
האָט דאָס וואָרט „אונשולדיג" קיינמאָל ניט עקזיסטירט. בילאָ
האָט באַלד אין אָנפֿאַנג געמאַכט אַ נעפֿעהרליכען טריק. ער האָט
פֿערבונדען דעם פּראָצעס נעגען די אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנ-
דיסטען מיט אַן אָנקלאַגע געגען עלף פּערזאָנען, וועלכע זיינען
אַרעסטירט געוואָרען אַלס זאָגענאַנטע „עקספּראָפּריאַטאָרס".
איינינע פֿון זיי האָבען זיך גערופֿען אַנאַרכיסטען, אָבער די
אַנאַרכיסטישע בעוועגונג האָט מיט זיי ניט געהאַט וואָס צו טהאָן.
זיי האָבען „עקספּראָפּריאירט" אויף זייער אייגענע רעכנונג און
פֿאַר זייערע אייגענע אינטערעסען. דער פּראָקוראָר האָט גאַנץ
גוט געוואוסט, אַז דיזע פּערזאָנען האָבען ניט נעהאַט די קלענסטע
פֿערבינדונג מיט מענער ווי זשאַן גראַוו, סעבאַסטיאַן פֿאָר, קאָנ-
סטאַן מאַרטען און אַנדערע, אָבער בילאָ האָט מיט אַבזיכט פֿער-
איינינט דעם פּראָצעס פֿון די „עקספּראָפּריאַטאָרס" מיט דעם

פראָצעס פֿון די אַנאַרכיסטען, כדי צו פֿערפֿיהרען די עפֿענטליכע מיינונג און צו פֿערהינדערן, אַז זיין שענדליכע אינקוויזיטאָרישע אַרבייט זאָל ניט אַרויסרופֿען קיין עפֿענטליכען פּראָטעסט:

אָנגעקלאָגט זיינען געווען די פֿאָלגענדע פּערזאָנען:

זשאַן גראַוו, שריפֿטשטעלער, רעדאַקטאָר פֿון „לאַ רעוואָלט״; זשוליען לעדאָ, שריפֿטשטעלער; פּאָל בערנאַר, קויפֿמאַן; אַלבערט טראַנקור, מעכאַניקער; ראַאול שאַמבאָן, ליטאָגראַף; פּאָל רעקלו, אינזשענער; עמיל פּוזשע, רעדאַקטאָר פֿון „פּער פּענאַר״; קאָנסטאַן מאַרטען, זשורנאַליסט; פֿראַנסאָאַ דיפּראַ, שניידער; אַלעקסאַנדער קאָהען, זשורנאַליסט; פּיער דאַרעסי; פֿראַנסאָאַ סובריע, קאַפּע־ברענער; זשאָרזש ברינע, טישלער; שאַרל שאַטעל, שריפֿטשטעלער; זשיל פֿענעאָן, זשורנאַליסט; אַרמאַנד מאַטהאַ, זשורנאַליסט; גוסטאַוו אַניעלי, קינסטלער; גאַבריעל ביאָן, שריפֿט־זעצער; סעבאַסטיאָן פֿאָר; זשאָזעף מאָלמערע; עליזע באַסטאַר, מעכאַניקער; פֿיליפּ אָרטיז; אָרסיני בערטאָני; פּאָל טשעריקאָטי; לואי בעלאָטי; פֿראַנסאָאַ ליעזשאַ; אַנטאָנעטע קאַזאָל; מאַריאַ זאַניני; וויקטאָרין בעלאָטי; אָנעט טשעריקאָטי.

פֿינף פֿון די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען אין אויסלאַנד, ווען דער פּראָצעס האָט שטאַטגעפֿונען, נעמליך א. קאָהען, פּאָל רעקלו, קאָנסטאַן מאַרטען, דיפּראַ און עמיל פּוזשע.

די רעגירונג האָט געמאַכט די בעסטע פֿאָרבערייטונגען פֿאַר דעם פּראָצעס.

באַלד נאָך די אַרעסטירונגען איז אַלעס געווען שטיל, עס איז געווען קורץ נאָך דעם אַטענטאַט אין ליאָן, די רעאַקציאָן איז געווען שטאַרק און מעכטיג און פֿיעלע האָבען געשוויגען, וועלכע וואָלטען אונטער אַנדערע אומשטענדען פֿילייכט יאָ געזאָגט אַ וואָרט צו גונסטען די אַרעסטירטע. די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט יעדען טאָג ערפֿונדען נייע ליגענס, אום אויפֿצוהעצען די עפֿענט־ליכע מיינונג געגען די אָנגעקלאָגטע; אָבער זי האָט זיך צולעצט פֿערלוירען אין אַזעלכע ווידערשפּרעכונגען, אַז דאָס פּובליקום איז ענדליך געוואָרען אויפֿמערקזאַם, און די ערשטע שטימען פֿון פּראָטעסט האָבען זיך דייטליך אַרויסגעהערט. די *אָפּאָזיציאָנעלע*

פּרעסע האָט אָנגעהויבען זיך צו בעשעפֿטיגען מיט דער פֿראַגע, און צולעצט האָט זיך אויפֿגעהויבען אַן אַלגעמיינער פּראָטעסט געגען די פֿינסטערע קאָנספּיראַציע פֿון דער רעאַקציאָן, וועלכער איז נאָך פֿערשטאַרקערט געוואָרען דורך די אונפֿעהיגקייט און פֿערלעגענהייט פֿון די אַטאַקירטע.

מען האָט עפֿענטליך געשטעלט די פֿראַגע: וועט מען ערלויבען צו פֿערעפֿענטליכען די רעדען פֿון די אָנגעקלאָגטע, אָדער וועט מען אָנווענדען דאָס נייע געזעץ און דערשטיקען זייערע שטימען? די רעאַקציאָנערע פּרעסע איז געווען גענוג אונפֿאָרזיכטיג צו ענטפֿערן אויף דיזע פֿראַגע. אָבער איהר האַלטונג איז געווען אַן אונבעשטימטע, מען האָט אַרויסגעפֿיהלט די אונזיכערהייט, און דיזע אונענטשלאָסענהייט האָט נאָך פֿערשטאַרקערט די מאַכט פֿון דער אָפּאָזיציאָן. אייניגע אָפֿיציעלע צייטונגען האָבען בעריכטעט, אַז די רעגירונג וועט ניט פֿערהינדערן די פּובליקאַציאָן פֿון די רעדען פֿון די אָנגעקלאָגטע מיט דער אויסנאַהמע פֿון וואַיאַן גראַווס און סעבאַסטיאַן פֿאָר'ס רעדען. אָבער דיזע ערקלעהרונג האָט די לאַגע געמאַכט נאָך ערגער. מען האָט די פֿערטרעטער פֿון דער רעגירונג עפֿענטליך געבראַנדמאַרקט אַלס פֿייגלינגע, וועלכע ציטערן פֿאַר די ווערטער פֿון צוויי מענער. די פּאָליטישע סאַטירישע פּרעסע האָט אויסגענאָסען איהר נאַנצען שפּאָט אויף די מאַכער פֿון דעם פּראָצעס, און די רעאַקציאָן האָט שוין פֿערלאָרען דעם האַלבען שפּיעל, נאָך איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. דאָס איז געווען די שטימונג בעפֿאָר דעם פּראָצעס. די רעאַקציאָן האָט נאָר נאָך געהאַט איין מיטעל — מוטה און ענערגיע, אום צו געווינען איהר שפּיעל, אָבער איהרע פֿערטרעטער האָבען אויך דאָס ניט געהאַט, און די איינציגע רעטונג, אויף וועלכע די רעגירונג האָט נאָך געהאָפֿט, איז געווען די נידערטרעכטיגקייט פֿון דעם שטאַאַטס-פּראָקוראָר בילאָ. אָבער אויך דיזע האָפֿנונג איז געווען אומזיסט, דען ווי גרויס דאָס אינקוויזיטאָרישע טאַלאַנט פֿון בילאָ איז ניט געווען, האָט ער דאָך ניט געקענט קאָנקורירען מיט דעם מוטה און דער אינטעליגענץ פֿון די אָנגעקלאָגטע אַנאַרכיסטען.



סעבאסטיאן פאר.

אם 6טען אויגוסט 1894, פיער טעג נאָך דער פֿעראורטהיילונג פֿון סאַנטאָ קאַזעריאָ, האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער פּראָצעס פֿון די דרייסיג, אויף וועלכען גאַנץ פּאַריז האָט געוואַרט מיט אַזױפֿיעל אונגעדולדיגקייט.

אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע אַנאַרכיסטישע פּראָצעסען, וועלכע האָבען שטאַטגעפֿונען אין יענער אויסערגעוועהנליכער פּעריאָדע, איז אויך דיזעס מאָל דער יוסטיץ-פּאַלאַסט געווען בעלאַגערט מיט פּאָליציי און שפּיאָנען. עס איז ניט בלויז געווען די מורא, וועלכע האָט אין יענער שטורמערדיגער צייט דורכגענומען די הערשענדע קלאַסע אין פֿראַנקרייך, נאָר מען האָט אין דערזעלבער צייט אויך געוואָלט ציינען דער עפֿענטליכקייט, וואָס פֿאַר געפֿעהרליכע פֿערברעכער עס שטעהען היינט פֿאַר'ן געריכט.

דאָס בילד אין געריכטס-זאַאל איז געווען אויסערגעוועהנליך אינטערעסאַנט. יעדער פֿון די אָנגעקלאָגטע איז געווען אַ בעזונדערער טיפּ, און שוין דער אויסערליכער אויסזעהן פֿון די מייסטע אָנגעקלאָגטע האָט געצייגט, אַז דיזע מענער זיינען ניט קיינע דורכשניטס-מענשען. אַלע אָנגעקלאָגטע זיינען געווען רוהיג און קאַלט, ביי מאַנכע האָט זיך זאָגאַר אָבגעשפּינעלט אַ געוויסע גלייכגילטיגקייט, פּונקט ווי זיי וואָלטען גאָר ניט פֿעראינטערעסירט געווען אין דער גאַנצער אַפֿערע.

דער פּרעזידענט האָט ערעפֿענט די זיצונג מיט אַ לענגערע איינלייטונג איבער דיזען אויסערגעוועהנליכען פּראָצעס. די פֿאָרמולירונג פֿון דער אָנקלאַגע האָט פֿערנומען אַ לאַנגע צייט, דען די דאָקומענטען זיינען געווען צאָהלרייך, און דער מאַנגעל אין פּאָזיטיווע טהאַטזאַכען האָט געמוזט פֿערדעקט ווערן דורך סאָפֿיסטישע בעהויפּטונגען און וואָרט-שפּילערייען.

אין דעם בעשולדיגונגס-אַקט איז ערקלעהרט געוואָרען, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבען פֿאָרמירט אַ געזעלשאַפֿט מיט דעם צוועק צו בעגעהן פֿערברעכען געגען פּערזאָנען און די עפֿענטליכע זיכערהייט. פּאָל רעקלו, אַ פּלימעניק פֿון עליזע רעקלו, איז געווען דער „פֿינאַנץ-מיניסטער" פֿון דער אַנאַרכיסטישער פּאַרטיי. ער

האָט וואַיאַן'ן געגעבען דאָס געלד פאַר זיין אַטענטאַט אויף די דעפוטאַטען אין פראַנצויזישען פאַרלאַמענט.

זשאַן גראַוו האָט פערהערליכט אַלע טעראָריסטישע אַקטען אין זיין צייטונג „לאַ רעוואָלט" און איז געוועזען דער אונדירעקטער פעראורזאַכער פון די אַנאַרכיסטישע אַטענטאַטען. זיין צייטונג האָט פערבונדען די איינצעלנע אַנאַרכיסטישע גרופען און זיי פעדערירט איינע מיט די אַנדערע; אויסערדעם האָט גראַוו בעגאַנגען דאָס שרעקליכע פערברעכען צו שרייבען אַ בוך אונטער דעם נאָמען „די אַבשטאַרבענדע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע", אין וועלכען ער האָט אַטאַקירט די היילינסטע אינסטיטוציאָנען פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. זשאַן גראַוו איז אפילו שוין פעראורטהיילט געוואָרען צו צוויי יאָהר געפענגניס וועגען זיין בוך, אָבער פון דעסטוועגען האָט הערר בילאָ זיך נאָך אַ מאָל בענוצט מיט דעמזעלבען אַרגומענט, אום אויסצופיהרען זיינע פינסטערע פלענער.

סעבאַסטיאַן פאָר, האָט די אַנקלאַגע ערקלעהרט ווייטער, האָט אָרגאַניזירט די אַנאַרכיסטען אין די פראָווינצען. דער אַנאַר־כיסט לעאָטהיע, וועלכער האָט פערזוכט צו ערמאָרדען דעם סערבישען אַמבאַסאַדאָר אין פאַריז, האָט געשריבען אַ בריעף אָן פאָר, זיצענדיג אין געפענגניס; אויסערדעם האָט פאָר געשיקט 5 פראַנק צו וואַיאַן, ווען ער איז געזעסען אין געפענגניס, ערוואַר־טענדיג זיין אורטהייל. דאָס אַלעס זיינען בעווייזע, אַז פאָר איז נים נאָר געוועזען איינשטימיג מיט די אַטענטאַטען, נאָר ער האָט אויך געהאַט דירעקטע בעציהונגען צו די טעראָריסטען.

מאַטהאַ איז בעקאַנט געוועזען מיט עמיל האַנרי און איז געוועזען דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער צייטונג „אַן־דעהאָר."

פענעאָן האָט געשריבען אַרטיקלען פאַר אַנאַרכיסטישע צייטונגען אין דערזעלבער צייט, ווען ער איז בעשעפטיגט געוועזען אין דעם פראַנצויזישען קריעגס־מיניסטעריום. אויך ער איז בע־קאַנט געוועזען מיט עמיל האַנרי און מיט דעם עקספראָפריאַטאָר אָרטיז; אויסערדעם האָט מען ביי איהם געפונען איינינע פער־דעכטיגע אינסטרומענטען און אַ קליין פלעשעל קוועק־זילבער.

עהנליך האָבען געלויטעט די אָנקלאַגען געגען אַלע איבעריגע
אָנגעקלאָגטע. אויסערדעם האָט די אָנקלאַגע נאָך געלעגט אַ בע-
זונדערן געוויכט אויף די טהאַטזאַכע, אַז די מייסטע אָנגעקלאָגטע
בעלאַנגען צו דער אינטעליגענץ, בעהויפּטענדיג אַז דיזע סאָרט
אַנאַרכיסטען איז נאָך פיעל געפעהרליכער ווי די פּראָפּאַגאַנדיס-
טען דער טהאַט, דערפאַר וואָס זיי צושטעהרען דעם רעספּעקט
פאַר די געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציאָנען צווישען די מענשען און
ענטוויקלען דירעקט די אַטענטעטער, וועלכע שטיצען זיך אויף
זייערע לעהרען.

דער פּראָקוראָר האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז די מייסטע
פון די אָנגעקלאָגטע זיינען געוועזען זעהר ווייניג בעקאַנט איינע
מיט די אַנדערע. מאַנכע פון זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט געזעהן,
אָבער דיזער פאַקט האָט געשפּילט אַ קליינע ראָלע, די אָנגע-
קלאָגטע האָבען געהאַט די זעלבע אידעען און אַנשויאונגען, און
ווייל די אויסנאַהמע-געזעצע האָבען ערקלעהרט דיזע אידעען אַלס
אַ פערברעכען, פאָלגליך זיינען אַלע מענשען, וועלכע האָבען
פערטהיידיגט דיזע אידעען, געוועזען פערברעכער, קאָנספּיראַטאָרס
געגען דער געזעלשאַפט; און דאָס איז געוועזען אַלעס, וואָס אַזאַ
געשיקטער מאַן ווי מאָנסיע בילאָ האָט געדאַרפט.

אָבער הערר בילאָ האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די זאַך
וועט ניט אָבגעהן אַזוי גלאַט. ער און די רעגירונג האָבען הויפּט-
זעכליך מורא געהאַט פאַר זשאַן גראַוו און סעבאַסטיאַן פאָר. זיי
האָבען געוואוסט, אַז דיזעביידע מענער וועלען זיין אימשטאַנד
צו בראַנדמאַרקען די גאַנצע אינקוויזיטאָרישע מעטהאָדע פון דעם
פּראָצעס און דערפאַר איז געוועזען די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון
דעם פּראָקוראָר צו דערשטיקען זייערע ווערטער פאַר דער עפענט-
ליכקייט. מיט די איבעריגע אָנגעקלאָגטע האָט מען געדיינקט
אויסצוקומען. די זאַך איז געוועזען זעהר איינפאַך. דער פּראָקוראָר
האָט בעשלאָסען זיך צוערשט צו נעהמען צו גראַוו'ן און פאָר'ן.
דורך דאָס נייע געזעץ האָט ער געקענט פערהינדערן, אַז די
פּרעסע זאָל פערעפענטליכען די ערקלעהרונגען פון די ביידע
מענער פאַר'ן געריכט. נאָך דעם האָט ער געדיינקט זיך צו נעה-

מען צו די איבעריגע אָנגעקלאָגטע און צולעצט צו די „עקספּראָפּריאַטאָרס". זייערע ערקלעהרונגען האָט מען יאָ נעוואָלט פֿערעפֿענטליכען, כדי צו בעאיינפֿלוסען די עפֿענטליכע מיינונג נעגען די אָנגעקלאָגטע. אויף אַזאַ מין אַרט וואָלט דער פּראָצעס אין גאַנצען פֿערלאָרען זיין פּאָליטישען כאַראַקטער און וואָלט בעקומען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט דעם כאַראַקטער פֿון אַ פּראָצעס געגען אַ באַנדע גנבים.

אויב דעם פּראָקוראָר וואָלט זיך איינגעגעבען אויסצופֿיהרען דיזען פּלאַן, וואָלטען אַלע אָנגעקלאָגטע פֿעראורטהיילט און פֿערשיקט געוואָרען קיין קאַיען, אויף די „טרוקענע גיליאָטינע".

נאָר די רעגירונג האָט אַליין פֿערראַטהען איהר אַבזיכט. הערר בילאָ איז זיכער געווען אַ געטרייער הונד פֿון דער רעאַקציאָן, אָבער זיין יוריסטישע געשיקטליכקייט איז ניט געווען אַזוי גרויס ווי זיין נידערטרעכטיגקייט, און מענער ווי סעבאַסטיאַן פֿאָר און זשאַן גראַוו זיינען ניט געווען קיינע קינדער, זאָנדערן שטאַרקע מוטהיגע כאַראַקטערע, וועלכע זיינען ענטשלאָסען געווען צו פֿערטהיידיגען זייער פֿרייהייט און די פֿרייהייט פֿון זייערע איבעריגע גענאָסען מיט דער גרעסטער ענערגיע ביז צום ביטערן סוף.

גלייך נאָך דעם ווי דער פּרעזידענט האָט געענדיגט פֿאָרלעזען דעם בעשולדיגונגס־אַקט, האָט זיך אויפֿגעהויבען דער פּראָקוראָר בילאָ און ערקלעהרט: לויט דעם נייען געזעץ פֿון 28טען יולי 1894 שטעל איך דעם אָנטראַג, אַז די פֿערהאַנדלונגען געגען זשאַן גראַוו און סעבאַסטיאַן פֿאָר זאָלען ניט פֿערעפֿענטליכט ווערען אין דער פּרעסע.

סענט אָבאַן, זשאַן גראַוו'ס אַדוואָקאַט, האָט זאָפֿאָרט פּראָטעסטירט געגען דיזען אָנטראַג.

„דער פּראָצעס איז אַן אויסערגעוועהנליכער", האָט ער ערקלעהרט. „מיר האָבען דאָ צו פֿערהאַנדלען אַ סך איינצעלהייטען וועלכע זיינען אין גאַנצען אונבעקאַנט צו דעם פּובליקום און די געשוואָרענע. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען וויל אַנווענדען אַ געזעץ, וועלכעס האָט זיכער ניט קיין גוטען נאָמען ביים פֿאָלק עס איז אָבער אונבעדינגט נויטהווענדיג, אַז דאָס פּובליקום זאָל

זיך בעקענען מיט די איינצעלהייטען פֿון דיזען פּראָצעס און אַליין אָבגעבען זיין אורטהייל. עס האַנדעלט זיך דאָ ניט אום די אַניטאַטאָרישע ערקלעהרונגען פֿון אַן אַטענטעטער; וואָנדערן אום מענשען, וועלכע מען האָט עפֿענטליך בעשולדיגט, און וועלכע האָבען די אויפֿגאַבע זיך עפֿענטליך צו פֿערטהיידיגען און צו רעכטפֿערטיגען זייערע איבערצייגונגען. ווילט איהר דערשטיקען דיזעלבע געדאַנקען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, מיט וועלכע דיזע מענער ווילען זיך פֿערטהיידיגען פֿאַר דיזען געריכט? ניין, מיינע הערען, אונטערדריקט ניט זייערע געדאַנקען און ערקלעהרונגען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, און בעגרייפֿט, אַז די פֿערטהיידיגונג מוז שטענדיג זיין פֿריי און עפֿענטליך!"

אָבער דיזער פֿערנינפֿטיגער אַפּעל צו דעם גערעכטיגקייטסגעפֿיהל פֿון די ריכטער און געשוואָרענע איז געווען אומזיסט. דאָס געריכט האָט בעשלאָסען און אָנגענומען דעם אָנטראָג פֿון דעם פּראָקוראָר. די פֿערהאַנדלונגען געגען וואַן גראַוו און סעבאַסטיאַן פֿאַר זיינען אַלזאָ אונטערדריקט געוואָרען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, קיין צייטונג האָט ניט געבראַכט קיין רעפּאָרט; אָבער די ביטערע בעמערקונגען און די שניידענדע אַטאַקען פֿון דער פּרעסע געגען די היינקער פֿון דעם פֿרייען וואָרט זיינען געווען טויטליכער פֿאַר די מאַכער פֿון דעם פּראָצעס, איידער די שאַרפֿזיניגע געדאַנקען פֿון די ביידע אָנגעקלאָגטע. דיזע אַטאַקען זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער פּרעזידענט איז שפּעטער געצוואונגען געווען צוצוגעבען, אַז די פּרעסע קען פֿערעפֿענטליכען די רעדען פֿון גראַוו און פֿאַר. דיזעלבע קאָמעדיאַנטען, וועלכע האָבען אונטערדריקט די פֿערהאַנדלונגען געגען דיזע ביידע מענער, זיינען שפּעטער געצוואונגען געווען דורך דעם פּראָטעסט פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג צו פֿערניכטען זייער איינענעם ווערק. דאָס איז זיכער געווען די גרעסטע מאָראַלישע נידערלאַגע, וועלכע די אינספּיראַטאָרם פֿון אַ פּראָצעס האָבען ווען געהאַט.

* * *

מאָנסיע דעראַ, דער פּרעזידענט פֿון געריכט, האָט געהאַט אַ שווערע אַרבייט, אַן אַרבייט, וועלכע איז געווען צו שווער פֿאַר

איהם, און וועלכע האָט איהם ניט געבראַכט קיין כבוד. דורך דעם אַנטראָג פון דעם פראָקוראָר איז די פערהאַנדלונג געגען דיביידע ערשטע אַנגעקלאַגטע ניט פערעפענטליכט געוואָרען אין דער פרעסע, אָבער גראַוו און פּאַר האָבען דעם אַרעמען פרעזידענט טראָץ דעם אַנגעטהאַן אַזוי פיעל ביטערע צרות, אַז עס איז פּשוט געווען אַ מיטלייד, אויף איהם צו קוקען.

די גאַנצע אַנקלאַגע געגען זשאַן גראַוו האָט זיך קאָנצענטרירט אין די פאָלגענדע בעשולדיגונגען:

זשאַן גראַוו האָט אין 1883 אַרויסגעגעבען אַ בראָשורע אונטער דעם נאָמען: „די געזעלשאַפט אין דעם טאָג נאָך דער רעוואָלוציאָן." אין דיזער בראָשורע (וועלכע איז געשריבען געוואָרען מיט 10 יאָהר צוריק!!!), האָט ער ערקלעהרט, אַז די עפענטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ דאַרף זיין אַ שוץ-מיטעל פאַר די קאָנספּיראַטיווע פּראָפּאַגאַנדאַ; אין דערזעלבער צייט האָט זי די אויפגאַבע צו שאַפען מענשען, געלד און אַנדערע מיטלען פאַר טעראָריסטישע אַקטען א.ז.וו.

זשאַן גראַוו האָט געגרינדעט צאָהלרייכע גרופען און אָרגאַניזאַציאָנען מיט אַנאַרכיסטישע טענדענצען. אין זיין צייטונג האָט ער פערהערליכט די טהאַטען פון וואַיאַן, און לעאָטהיע, עמיל האנרי'ס פערזוך צו אַטאַקירען די מינען-קאָמפּאַניע פון קאַרמאָ, די עקספּראָפּריאַציעס פון שופּ, פּיני און דיוואַל; ער האָט געמאַכט אין זיין צייטונג אַ סובסקריפּציאָן פאַר פערברעכערישע צוועקען. אין 1893 האָט ער פערעפענטליכט אַ בוך, „די אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע", פאַר וועלכעס ער איז פעראורטהיילט געוואָרען צו צוויי יאָהר געפענגניס. דורך דעם בריעף-קאַסטען פון זיין צייטונג האָט ער פערבונדען די אַנאַרכיסטען איינע מיט די אַנדערע. פאָלגליך איז בעוויזען, אַז זשאַן גראַוו האָט קאָנספּירירט פון יאָהרען און יאָהרען מיט געוויסע פּערזאָנען, אום פאַרצובערייטען און צו בעגינסטיגען טעראָריסטישע אַקטען.

„אפשר קענט איהר מיר זאָגען מיט וועמען איך האָב אייגענטליך קאָנספּירירט?" האָט זשאַן גראַוו געפרעגט מיט דער גרעסטער קאַלטבלוטיגקייט.

דיזע איינפאכע פראגע האט דעם פרעזידענט געבראכט אין א גרויסע פערלעגענהייט. ווי אזוי קען מען גאר שטעלען אזא לעכערליכע פראגע? מאנסיע בילא האט שוין פארבערייטעט א נייע אנקלאגע. גאנץ געוויס, א מענש, וועלכער שטעלט אזעלכע פראגען, אטאקירט די הייליגסטע אינסטיטוציאנען פון דער גע־זעלשאפט און בעווייזט דערמיט, אז ער האט אין זינען צו בע־געהן א פערברעכען געגען דעם שטאאט.

„מיט וועמען האב איך קאנספירירט?" האט גראוו נאך אמאל געפרעגט. „קענט איהר מיר צייגען די פערזאנען?"

די פערלעגענהייט פון דעם פרעזידענט ווערט אלץ גרעסער. ענדליך געפינט ער די קראפט צו ענטפערן: „דאס איז ניט וויכטיג!" זאגט ער. און זיכער איז עס ניט געווען וויכטיג פאר דער רעגירונג. וויכטיג איז געווען פאר איהר צו פעראורטהיילען דיזען מאן; פאר וואס — דאס האט געהאט א קנאפע בעדייטונג. גאר זשאן גראוו האט זיך איינגערעדט, אז פאר איהם פערזענליך איז דאס יא וויכטיג צו וויסען, און ער איז געווען גענוג חוצפה'דיג עס עפענטליך צו ערקלעהרען. א גייער בעווייז פאר זיין שולד, דען א ריכטיגער און געהארכזאמער בירגער איז שטענדיג מיט דערזעלבער מיינונג פון זיינע ריכטער.

„ווען האב איך קאנספירירט? וואו האב איך קאנספירירט?" האט גראוו ווייטער געפרעגט. קיינער האט איהם ניט געענט־פערט, דען דאס אלעס זיינען ניט געווען קיין וויכטיגע פראגען. די אנקלאגע האט בעהויפטעט, אז גראוו האט יא קאנספירירט, אט דאס איז געווען וויכטיג. צו בעווייזען דיזע בעהויפטונג, איז געווען ניט וויכטיג פאר איהר, זאל זשאן גראוו בעווייזען, אז עס איז ניט ריכטיג.

א בעקוועמערע מעטהאדע צו פעראורטהיילען א מענשען קען איבערהויפט ניט אויסגעפונען ווערען, און מאנכער פראקו־ראר האט זיכער בעוואונדערט די געשיקטליכקייט פון מאנסיע בילא.

אבער זשאן גראוו מאכט בעמערקונגען, מאנכע פון זיי רו־פען ארויס א שמייכעל אויף די ליפען פון שלעכטע מענשען, מאנכע זיינען אזוי שארף און בייסענד, אז זיי צושטעהרען די

גאנצע שעהנע ארבייט פון דעם פראקוראר און פרעזידענט. און גראוו איז אזוי רוהיג, אזוי געלאסען; קיין זאך רעגט איהם ניט אויף, א ריכטיגער פילאזאף, מען קען באלד דערקענען, אז דער מאן דיינקט, און לויט בילא'ס מיינונג איז דאס געווען דאס געפעהרליכסטע פערברעכען, וואס א מענש קען גאר בענעהן.

ענדליך ווערט די געשיכטע שוין צו אונבעקוועהם פאר דעם פרעזידענט, און ער ענדיגט איינפאך די פערהאנדלונג מיט זשאן גראוו'ן. גראוו איז זעהר פערוואונדערט דעריבער, נאר ער קען זיך ניט העלפען, מען הייסט איהם זיך אוועקזעצען.

יעצט ווענדעט זיך דער פרעזידענט צו סעבאסטיאן פאר. מען קען איהם אנזעהן, אז ער איז ניט זעהר צופרידען פון זיין ארבייט; נאר זיין איינציגע האפנונג איז, אז מען וועט ניט פערעפענטליכען די פערהאנדלונגען.

סעבאסטיאן פאר, אזוי בעהויפטעט די אנקלאגע, קומט ארויס פון א רייכע פאמיליע און האט געהאט זעהר א גוטע ערציהונג. פאר געוועהנליכע מענשען איז דאס אפילו קיין פערברעכען, נאר פאר אן אנארכיסט איז דאס שוין א בעוויז, אז ער האט זיכער ניט קיין גוטען כאראקטער און די אבזיכט אויסצוקלעהרען עפעס א שענדליכקייט געגען דער געזעלשאפט.

סעבאסטיאן פאר, אזוי בעהויפטעט די אנקלאגע ווייטער, איז א זעהר טאלאנטפאלער רעדנער, וועלכער האט פערשפרייט די אנארכיסטישע אידעען אין די פראווינצען דורך צאהלרייכע פארטרעגע, וועלכע ער האט געהאלטען אין גאנץ פראנקרייך. ער האט איבעראל געגרינדעט אנארכיסטישע גרופען, און אבוואהל זיינע רעדען זיינען געווען פריי פון רעוואלוציאנערע פראזען, האט ער אבער דאך געהאט פערבינדונגען מיט די פראפאגאנדיסטען דער טהאט. מען האט ביי איהם געפונען 100 ביז 120 אדרעסען, מייסטענטהיילס אגענטען פון דער אנארכיסטישער פרעסע אין פראנקרייך, און דאס איז פאר די רעגירונג געווען דער בעסטער בעוויז פאר די עקזיסטענץ פון א געפעהרליכען אנארכיסטישען קאמפלאט. דער טעראריסט לעאטהיע האט געשריבען צו איהם א בריעף, זיצענדיג אין געפענגניס; אויך

האט ער געשיקט 5 פראנק צו וואיאן׳ן, קורץ נאך זיין פער־אורטהיילונג צום טויט. דאס איז זיכער געוועזן א גוטער בעווייז, אז ער האט גענומען אן אונדירעקטען אנטהייל אין די אטענ־טאטען. אין 1892 האט ער ארויסגעגעבען אן אנארכיסטישע צייטונג אין מארסיע, אין וועלכער ער האט פערהערליכט די אנארכיסטישע אטענטאטען אין פראנקרייך און אנדערע לענדער. אויך איז בעוויזען געווארען, אז פאר איז געוועזן א גוטער פריינד פון פאל רעקלו, וועלכער האט געגעבען וואיאן׳ן געלד צו בע־געהן זיין אטענטאט. אויסערדעם האט מען אויך געפונען ביי איהם בריעף פון פארטון האנרי, א ברודער פון דעם טעראָ־ריסט עמיל האנרי, ס׳איז אויך אונבעשטרייטבאר געוועזן, אז פאר איז פערזענליך בעקאנט געוועזן מיט אייניגע פון די אנגעקלאגטע. וואס מעהר האט מען נאך געדארפט, אום צו פעראורטהיילען א מענשען?

פאר האט מיט לייכטינקייט אויפגעוויזען די אונזיניגקייט פון דער גאנצער אנקלאגע, אבער לויט דעם בעשלוס פון דעם געריכט איז די גאנצע פערהאנדלונג געגען איהם ניט פערעפענט־ליכט געווארען אין דער פרעסע.

דער נעכסטער אנגעקלאגטער איז געוועזן לעדא, און דער פרעזידענט האט בעמערקט, אז פון יעצט אן וועט די פערהאנד־לונג זיין אן עפענטליכע, ד. ה. מען וועט צולאזען די פערטרע־טער פון דער פרעסע. די גאנצע אנקלאגע געגען לעדא האט זיך געגרינדעט אויף דעם פאקט, אז ער איז געוועזן דער עקספעדי־טאר פון „לא רעוואלט”, ווען זשאן גראוו איז ארעסטירט געווארען.

באלד ווען דער פרעזידענט האט אויסגערופען לעדא׳ס נאמען, האט לעדא איהם געשטעלט די פאלגענדע פראגע: „איידער איך וועל אייך ענטפערן אויף אייערע פראגען, פאדער איך פון אייך, איהר זאלט מיר ערקלעהרען, אויף וואס פאר א געזעץ איהר גרינדעט מיין ארעסטירונג. איך זיץ יעצט זעקס מאנאטען אין געפענגניס, און איך וויל וויסען פאר וואס.”

„איהר זייט געוועזן דער עקספעדיטאר פון „לא רעוואלט”, ווען זשאן גראוו איז ארעסטירט געווארען”, האט געענטפערט דער

פרעזידענט. — „הייסט עס, אַז איך בין אָנגעקלאָגט אַלס אַן עקספּערימאַר פֿון אַ ציימונג?" האָט לעדאָ ווייטער געפֿרעגט. „איך האָב קיינמאָל ניט געשריבען אַן אַרטיקעל פֿאַר דער ציימונג און איך בין קיינמאָל ניט געוועזען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דער רעדאַקציאָן." — „דאָס איז ניט דער פּונקט", האָט דער פּרעזידענט געענטפֿערט, „אָבער איהר האָט געשפּיעלט אַן אינטעלעקטועלע ראָלע."

אַ מיטעל-אַלטערליכער אינקוויזיטאָר וואָלט רויט געוואָרען פֿון שאַנדע, הערענדיג אַזעלכע ווערטער. — „איך פֿערשטעה ניט אייערע ווערטער", האָט לעדאָ ערקלעהרט — „קענט איהר מיר ציינען אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבען? — ניין! בין איך געוועזען דער רעדאַקטאָר פֿון דער ציימונג? — ניין! בין איך אָנגעקלאָגט פֿאַר אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ? — ניין! איך בין אָנגעקלאָגט אַלס אַ „מיטגליד פֿון אַן אָרגאַניזאַציאָן פֿון פֿערברעכער", דאָס איז אַלעס." — „איהר האָט פֿערעפֿענטליכט אין אייער ציימונג קאָרעספּאָנדענצען און אַנאָנסען פֿון אַנאַרכיסטישע פֿערזאַמלונגען!" — „דאָס איז געוועזען מיין רעכט, אַנדערע פּאַרטייען טהוען דאָסזעלבע!" — „איהר האָט ערהאַלטען געלד פֿאַר דער פּראָפּאַגאַנדאַ, און איהר האָט געגעבען 5 פֿראַנק צו וואַיאָן'ס פֿרוי". — „נו איז וואָס?" — „דאָס איז גענוג, איהר מעגט זיך זעצען."

אין דעם מאָמענט, ווען לעדאָ זעצט זיך ווידער אַנידער, הויבט זיך אויף סעבאַסטיאָן פֿאָר און ערקלעהרט: „איך פּראָטעסטיר געגען די פֿערעפֿענטליכונג פֿון די ווייטערע פֿערהאַנדלונגען. אָדער מען זאָל אַלע פֿערהאַנדלונגען פֿערעפֿענטליכען, אָדער נאָר קיינע. איהר האָט אַ געזעץ, וועלכעס גיט אייך די מעגליכקייט צו אונטערדריקען אונזערע ערקלעהרונגען, אָבער דאָס געזעץ גיט אייך קיין רעכט ניט צו מאַכען אַן אונטערשייד צווישען די אָנגעקלאָגטע. איהר זאָגט אַליין, אַז פֿאַר דעם געזעץ זיינען אַלע מענשען גלייך, פֿאָלגליך האָט איהר קיין רעכט ניט צו מאַכען אַן אונטערשייד צווישען אונז. איהר האָט מיינע און גראַוו'ס פֿערהאַנדלונג ניט פֿערעפֿענטליכט, פֿאָלגליך דאַרפֿט איהר אויך ניט פֿערעפֿענטליכען די פֿערהאַנדלונגען פֿון די אַנדערע".

אויף אַזאַ זאַך האָבען זיך די אינקוויזיטאָרען גאָר ניט געריכט.

דער פּרעזידענט האָט פּלוצלינג פֿערלאָרען די שפּראַך און גע־קוקט אויף דעם פּראָקוראָר. די פֿאָדערונג פֿון סעבאַסטיאַן פֿאָר איז געווען לאָגיש און גערעכט, און דער פּרעזידענט איז געווען אין אַ גרויסע פֿערלעגענהייט. ענדליך האָט ער ערקלעהרט, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ ריכטער און ער האַנדעלט אַזוי ווי דאָס געריכט האָט בעשלאָסען.

דער נעכסטער אָנגעקלאָגטער איז געווען שאַטעל, אַ געווע־זענער מיטאַרבייטער פֿון דעם „אָן-דעהאָר" און סעקרעטער פֿון דער „רעווי אַנאַרשיסט".

„אין דער צייט, ווען איהר זייט געווען דער סעקרעטאַר פֿון דער „רעווי אַנאַרשיסט", זיינען פֿערעפֿענטליכט געוואָרען זעהר שאַרפֿע אַרטיקלען", האָט געזאָגט דער פּרעזידענט. — „יעדער איינער איז פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דאָס וואָס ער שרייבט", האָט שאַטעל געענטפֿערט. „ציינט מיר די אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבען און מאַכט מיר ניט פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר אַנדערע זאַכען. איך בין אַן אינדיווידואַליסט און האָב זיך קיינמאָל ניט אָבגעגעבען מיט גרופּען". — „איהר זייט אָבער דאָך יאָ געווען אין גרופּען". — „אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען גענוג דום, אָבער ניט יעצט. איך האָב ניט די קלענסטע בעציהונגען צו די אַנדערע גענאָסען". — „אָבער איהר זייט דאָך אַן אַנאַרכיסט!" —„געוויס, אָבער וואָס בעווייזט דאָס? ווען איינער איז אַ רע־פּובליקאַנער, מוז ער דערפֿאַר זיין אַ גענאָסע פֿון אַלע רעפּוב־ליקאַנער? פֿאַר אייך בין איך קיין אַנדערער ווי שאַטעל, דאָס איז אַלעס" — דער פּרעזידענט האָט דאַן געגעבען איינינע אויסציגע פֿון שאַטעל'ס אַרטיקלען און האָט איהם געהייסען זיך אַוועקזעצען.

עס איז אונמעגליך איבערצוגעבען די פֿערהאַנדלונגען פֿון יעדען איינציגען פֿון די אָנגעקלאָגטע; מען וואָלט געקענט אָנפֿי־לען אַ גאַנצעס בוך מיט אַלע דיזע לעכערליכקייטען, אויף וועלכע במעט אַלע אָנקלאַגען האָבען זיך געגרינדעט. דערפֿאַר וועלען מיר נאָך דערמאָהנען די כאַראַקטעריסטישסטע פֿערהאַנדלונגען, וועלכע אילוסטרירען אַם בעסטען דעם גאַנצען פּראָצעס.

העכסט אינטערעסאנט און קורץ איז געווען די פערהאנד־לונג געגען באסטאר, וועלכער איז געווען א בעקאנטער אנאר־כיסטישער פראפאגאנדיסט. באסטאר האט געארבייט ביי פאל דעקלו אין וואראנזשוויל, און דאס איז געווען דער איינציגער גרונד פון זיין ארעסטירונג.

„האט איהר געמאכט פראפאגאנדא אין וואראנזשוויל?" האט געפרעגט דער פרעזידענט. — „קיינמאל נים!" האט באסטאר געענטפערט. — „איהר לייקענט עס אלזא אב, אבער איינער פון אייערע פריינד האט אייך געשריבען א בריעף, אין וועלכען עס קומען פאר די פאלגענדע ווערטער: „פערנאכלעסיג נים די פראפאגאנדא. עס לעבע די אנארכיע! מיר וועלען שטארבען פאר אונזער אידעאל, אבער די בורזשואזיע וועט מוזען קראפירען צוזאמען מיט אונז". — „איך האב דיזען בריעף ערשט געזעהן אין דער אונטערזוכונג, די פאליציי האט איהם קאנפיסקירט אויף דער פאסט, און איך בין איבערצייגט, אז די פאליציי האט איהם אליין געשריבען." — „איין זאך איז זיכער, ער איז געשריבען געווארען." — ווי גרויסארטיג דאס קלינגט. פושע, דער בעריהמטער פאליציי־מיניסטער פון נאפאלען דעם ערשטען איז געווען לעהר־אינגעל אין פערגלייך מיט די מאכער פון דיזען פראצעס.

„אבער איהר גיט דאך צו, אז איהר האט געפרייזט די אנארכיע?" האט דער פרעזידענט ווייטער געפרעגט. — „גאנץ געוויס! דאס איז געווען מיין רעכט. דאס ווארט איז געווען פריי און איך בין פאר קיין זאך נים פערפאלגט געווארען". — „ניין, איהר האט נים קיין רעכט צו פריידיגען אנארכיסטישע טהעאריען!" האט דער פרעזידענט געשריען מיט אן אויפגערעגטער שטימע.

לאגאס, דער אדוואקאט פון באסטאר האט זיך אויפגעהויבען און געפרעגט: „אפשר קענט איהר מיר זאגען, העררר פרעזידענט, פאר וואס מען האט איינגענטליך אנגעקלאגט באסטאר'ן? איך האב מיר גוט צוגעהערט צו אייערע אלע ווערטער, אבער איך האב נים געפונען דעם קלענסטען ארגומענט, וועלכער זאל רעכטפערטיגען אן אנקלאגע. איך בין אן אדוואקאט, און מיין

אויפגאַבע איז צו פערטהיידיגען באַסטאַר'ן, אָבער צוערשט מוז איך ויסען, פאַר וואָס מען קלאָגט איהם אָן." און באַסטאַר האָט צוגעזעצט צו די ווערטער פון זיין אַדוואָקאַט: „אַט דאָס ויינען די בעווייזע דורך וועלכע מען וויל אונז פעראורטהיילען צו 20 יאָהר קאַטאָרגע!" — דער פרעזידענט האָט קיין וואָרט ניט נעזאָגט און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דער פערהאַנדלונג.

איינער פון די אינטערעסאַנטעסטע אָנגעקלאָגטע איז געוועזן פענעאָן, אַ קאַלט־בלוטיגער, פלעגמאַטישער כאַראַקטער, אַ מאַן מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און אין דערזעלבער צייט אַ ביטערער סאַטיריקער. פענעאָן איז בעשעפטיגט געוועזן אין פראַנצויזישען קריעגס־מיניסטעריום. ער האָט געשריבען פערשידענע אַרטיקלען פאַר די אַנאַרכיסטישע צייטונג „אַן־דעהאָר". אויך האָט מען געפונען ביי איהם אַ פלעשעל קוועקזילבער און עטליכע רעהרען, פון וועלכע די אָנקלאַגע האָט בעהויפטעט, אַז זיי זיינען בעשטימט געוועזן פאַר עקספּלאָזיוו־קערפּערס.

„איהר זייט געוועזן אַ מיטאַרבייטער פון „ל'אַן־דעהאָר," האָט געזאָגט דער פרעזידענט. — „איך האָב געשריבען אַ ביבּ־ליאָגראַפישע גאָטיץ און צוויי אַרטיקלען איבער קונסט און מאַלע־ריי אין דיזער צייטשריפט; דאָס איז אַלעס." — „איהר האָט אַלזאָ געשריבען פאַר אַ זשורנאַל, וועלכער האָט געהאַט די מיסיאָן צו בעליידיגען אונזער אַרמעע." — „דער „אַן־דעהאָר" האָט איבערהויפט ניט געהאַט קיין מיסיאָן. יעדער האָט געשריבען, וואָס ער האָט געוואָלט." — „איהר זייט געוועזן אַן אינטימער פריינד פון אַלעקסאַנדער קאָהען."*) — „ער איז געוועזן מיין פריינד, נאָר אינטים זיינען מיר ניט געוועזן." — „איהר זייט אַלזאָ אַ פריינד פון אַ מענשען, וועלכער האָט געשריבען אין אַ בריעף אַזעלכע

*) קאָהען איז געוועזן אַ האָלענדישער אַנאַרכיסט, וועלכער האָט געלעבט אין פאַריז און איז שפּעטער אַרויסגעשיקט געוואָרען פון פראַנקרייך מיט קייטען אויף די הענד און פיס. ער איז געוועזן אַן אויסגעצייכענטער שריפטשטעלער, און זיינע „פערברעכען" זיינען געוועזן דיזעלבע, ווי די פון אַלע אַנדערע אָנגעקלאָגטע אין דיזען פּראָצעס.

שענדליכע זאַכען איבער דעם גענעראַל דאָד און דעם מאַרשאַל מאַקמאַהאָן. און אין דערזעלבער צייט זייט איהר געווען בעשעפ־טיגט אין קריעגס־מיניסטעריום." — „דער בריעף איז ניט געווען אַדרעסירט צו מיר, און איך בין ניט פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דאָס, וואָס קאָהען האָט געשריבען." — „איהר זייט אָבער געווען דער פֿריינד פֿון אַ מאַן, וועלכער האָט אַטאַקירט די אַרמעע און אָבגעלייקענט די אידעע פֿון פֿאָטערלאַנד. איהר זייט אויך געווען אַן אינטימער פֿריינד פֿון דעם דייטשען אַנאַרכיסט בערנהאַרד קאַמפּפֿמייער." — „אונזער פֿריינדשאַפֿט האָט ניט געקענט זיין אַזוי אינטים, דערפֿאַר, וואָס איך פֿערשטעה ניט קיין וואָרט דייטש און ער פֿערשטעהט ניט קיין פֿראַנצויזיש." דיזע ווערטער, ווי איבערהויפּט פֿיעלע אַנדערע קאָמישע בעמערקונגען פֿון פֿענעאָן האָבען אַרויסגערופֿען דעם געלעכטער פֿון פובליקום, הויפּטזעכליך, ווען דער אָנגעקלאָגטער האָט דעם פּרעזידענט איינמאָל געמאַכט אויפֿמערקזאַם אויף אַ שפּראַך־פֿעהלער.

ענדליך קומט דער פּרעזידענט צו די זאַכען, וועלכע מען האָט געפֿונען ביי פֿענעאָן. פֿענעאָן ערקלעהרט, אַז די רעהרען האָט ער געפֿונען אין דעם צימער פֿון זיין פֿאָטער, ווען ער איז געשטאָרבען. ווען די פֿערפֿאָלגונגען האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען האָט ער זיי מיטגענומען אין זיין ביוראָ אין קריעגס־מיניסטעריום, אום ניט צו פֿערשאַפֿען זיין מוטער קיין אונאַנגענעהמליכקייטען. — „מען האָט ביי אייך אויך געפֿונען אַ פֿלעשעל קוועקזילבער," האָט דער פּרעזידענט ווייטער געזאָגט. „ווייסט איהר, אַז דאָס געזעץ פֿון 1893 בעשטראָפֿט ניט נאָר יעדען איינציגען, וועלכער האַלט ביי זיך עקספּלאָזיוו־שטאָפֿען, זאָנדערן אויך די יעניגע, וועלכע האַלטען ביי זיך אַזעלכע שטאָפֿען, מיט וועלכע מען פֿערפֿערטיגט עקספּלאָזיוו־שטאָפֿען?" — „אָבער הערר פּרעזידענט", זאָגט פֿע־נעאָן גאַנץ קאַלטבלוטיג, „איהר ווייסט דאָך, אַז קוועקזילבער געברויכט מען אויך צו מאַכען באַראָמעטערס און טערמאָמע־טערס." — „אייער ערקלעהרונג איז זעהר אונוואַהרשיינליך, און איך גלויב, אַז אימיצער האָט אייך געגעבען דיזע זאַכען, איהר

זאָלט עס בעהאַלטען פֿאַר איהם, נאָר אייער עהרע ערלויבט אייך ניט צו זאָגען דעם אמת."

נאָך דעם האָט זיך דער פּרעזידענט נאָך בעשעפֿטיגט מיט איין אָנגעקלאָגטען און איז דאַן איבערגעגאַנגען צו די „עקספּראָפּריאַטאָרס". די אינטערעסאַנטעסטע פּערזענליכקייט צווישען זיי איז געווען אַ געוויסער אָרטיז, דער פֿיהרער פֿון אַ קליינער געזעלשאַפֿט פֿון מענשען, וועלכע האָבען אָנגעפֿיהרט אַ „פּראַקטישען קריעג געגען דאָס אייגענטהום". אָרטיז איז געווען אַן ענערגישער כאַראַקטער, אָבער די אידעען, וועלכע ער האָט פֿערטראָטען, זיינען געווען זעהר אונקלאָהר און האָבען זיכער ניט געהאַט צו טהאָן מיט'ן אַנאַרכיזמוס, אָבוואָהל ער איז בעקאַנט געווען מיט אייניגע אַנאַרכיסטען ווי עמיל האַנרי, שופּ און אַנדערע. אייניגע פֿון די אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבען זיך אויך גערופֿען אַנאַרכיסטען, אָבער עס איז זיכער, אַז זיי האָבען אונטער דיזען וואָרט מעהר ניט פֿערשטאַנען ווי די אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציאָן. אין יענער שטורמישער צייט האָבען זיך געפֿונען אַ סך אַזעלכע עלעמענטען, וועלכע האָבען פֿערטרעטען די אינדיווידועלע עקספּראָפּריאַציאָן. מאַנכע פֿון זיי זיינען זיכער געווען עהרליכע און איבערגעבענע מענשען; אָבער די מייסטע זיינען געווען ווייט פֿון יעדער נאָבעלער אידעע און האָבען נאָר בענוצט דעם אַנאַרכיזמוס אַלס אַ מאַנטעל פֿאַר זייערע פּערזענליכע אינטערעסען. זשאַן גראַוו און כמעט אַלע אַנדערע בעקאַנטע פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון דעם אַנאַרכיזמוס אין פֿראַנקרייך האָבען זיך עפֿענטליך ערקלעהרט געגען אַ מעטהאָדע, וועלכע קען נאָר שאָדען ברייגגען פֿאַר דער בעוועגונג און קאָמפּראָמיטירען דעם אַנאַרכיזמוס ביי די מאַסען. זשאַן גראַוו און זיינע פֿריינדע האָבען דיזעלבע אַנזיכטען אויך פֿערטראָטען אין דיזען פּראָצעס, אָבוואָהל דער פּראָקוראָר האָט געטהאָן אַלעס, וואָס ער האָט נאָר געקענט, אום זיי צו מאַכען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דיזע האַנדלונגען.

אָרטיז און זיינע גענאָסען זיינען געווען אָנגעקלאָגט ווענען עטליכע גרויסע גנבות, וועלכע זיי האָבען בעגאַנגען אין 1893.

די בעוויזע זיינען געווען צו שטארק און צאָהלרייך, אַז עס איז געווען אונמעגליך פאַר די אָבצולייקענען. מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט, אַז דער פּראָקוראָר האָט נאָך דערפאַר פערבונדען דעם פּראָצעס געגען אָרטיז און זיינע גענאָסען מיט דעם פּראָצעס פון די איבעריגע אָנגעקלאָגטע, אום די לעצטע אַזוי פיעל ווי נאָר מעגליך צו קאָמפּראָמיטירען. אָבער די ערשטע צווי טעג פון די פערהאַנדלונגען געגען גראַוו, פאַר און זייערע איבעריגע גענאָסען האָט זיך די רעאַקציאָנערע רעגירונג און די שענדליכע טאַקטיק פון דעם אינקוויזיטאָר בילאָ אַזוי שרעקליך קאָמפּראָמיטירט, אַז דער גאַנצער פּלאַן האָט זיך געענדיגט מיט אַ נעפעהרליכען דורכפאַל פון דער רעגירונג. די פערהאַנדלונגען געגען אָרטיז און זיינע גענאָסען האָבען נאָך פערשטאַרקערט דעם אַלגעמיינען אָבשיי געגען דאָס שענדליכע קאָמפּלאָט, וועלכעס די רעאַקציאָנערע האָבען געפּלאַנעוועט, אום צו דערשטיקען יעדע פרייהייטליכע בעוועגונג אין פראַנקרייך.

נאָך די פערהאַנדלונגען געגען די עקספּראָפּריאַטאָרס האָט מען גערופען די עדות, טייסטענטהיילס קאָנסיערזשעס, וועלכע שפּילען אין פראַנקרייך דיזעלבע ראָלע ווי אין רוסלאַנד די דוואָרניקעס, און וועלכע שטעהען כמעט אַלע אים דינסט פון דער פּאָליציי. די בעהויפּטונגען, וועלכע דיזע פערקויפטע נשמות האָבען געמאַכט זיינען געווען אַזוי לעכערליך און אונוואַהרשיינליך, אַז יעדער פערנינפטיגער מענש האָט באַלד געקענט בעמערקען, אַז די גאַנצע געשיכטע איז געווען פאַרבערייטעט און איינשטודירט פון דער פּאָליציי.

אויסער דיזע עדות זיינען ערשינען נאָך עטליכע קינסטלער און בעאַמטע פון דעם קריעגס־מיניסטעריום, וועלכע האָבען אָבגעגעבען זייער מיינונג וועגען פענעאָן. קיין נייעס האָבען דיזע ערקלעהרונגען ניט געבראַכט, און דערפאַר איז עס ניט אינטערעסאַנט, מיר זאָלען זיך ווייטער דערמיט בעשעפטיגען. נאָר איין פאַל איז אין דיזער בעציהונג ווערטה צו בעמערקען. קורץ נאָך דער אַרעסטירונג פון די אָנגעקלאָגטע האָט די רעאַקציאָנערע פּרעסע פּובליצירט צאָהלרייכע שמוץ־אַרטיקלען געגען די

אָנגעקלאָגטע. אַ געוויסער עפּאָרבע, איינער פֿון יענע פֿערקויפֿטע פּאָליציי־זשורנאַליסטען, וועלכע זיינען שטענדיג בערייט צו פֿערעפֿענטליכען די ערגסטע ליגענס און פֿערלוימדונגען, אום צו קאָמפּראָמיטירען עהרליכע מענשען פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, האָט פֿערעפֿענטליכט אַ געפֿעהרליכען שמוץ־אַרטיקעל געגען די פּאַריזער אַנאַרכיסטען און הויפּטזעכליך געגען סעבאַסטיאַן פֿאָר. ווען דיזער עדות איז אויפֿגערופֿען געוואָרען, האָט איהם פֿאָר׳ס אַדוואָקאַט געשטעלט די פֿראַגע: „האָט איהר פּערזענליך געקענט סעבאַסטיאַן פֿאָר, ווען איהר האָט געשריבען דיזען אַרטיקעל?” — „ניין, מיין הערר”, האָט דער עדות געענטפֿערט. — „פֿון וואָס פֿאַר אַ קוועלע האָט איהר גענומען אייערע בעהויפּטונגען?” האָט דער אַדוואָקאַט ווייטער געפֿרעגט. ביי דיזע ווערטער האָט זיך דער פּרעזידענט געווענדעט צו דעם עדות און געזאָגט: „איהר זייט ניט געצוואונגען צו ענטפֿערן אויף דיזע פֿראַגע.” אַבער דער אַדוואָקאַט האָט איהם געענטפֿערט: „איך האָף, אַז דער עדות וועט ענטפֿערן אויף מיין פֿראַגע.” ענדליך האָט דער עדות ערקלעהרט, אַז ער האָט זיין מאַטעריאַל גענומען פֿון דער פּאָליציי. דיזע ערקלעהרונג האָט אַרויסגערופֿען אַ שרעקליכע אויפֿרעגונג, זי האָט געווירקט ווי אַ טויט־קלאַפּ פֿאַר די מאַכער פֿון דעם פּראָצעס, דען זי האָט קלאָהר און דייטליך בעוויזען, אַז די פּאָליציי און די פּרעסע אַרבייטען שטענדיג האַנד אין האַנד. און דאָס איז ניט נאָר דער פֿאַל אין פֿראַנקרייך, זאָנדערן איבעראַל, און די מייסטע פֿון יענע שענדליכע שמוץ־אַרטיקלען, וועלכע ערשיינען פֿון צייט צו צייט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע, שטאַמען דירעקט אָב פֿון דער פּאָליציי.

ענדליך. האָט דער פּראָקוראָר גענומען דאָס וואָרט, אום צו פֿאָדערן די בעשטראָפֿונג פֿון זיינע אָפּפֿער. די לאַגע פֿון מאָנסיע בילאָ איז דעמאָלט ניט געווען קיין גינסטיגע. דער גאַנצער פּראָצעס האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג שרעקליך קאָמפּראָמיטירט פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, און די לעצטע מאָמענטען פֿון די פֿערהאַנדלונגען געגען די אָנגעקלאָגטע, וועלכע האָבען דייטליך בעוויזען די שמוציגע אַרבייט פֿון דער פּאָליציי און דער פּרעסע,

האָבען איבעראַל אַרויסגערופען אַ געפיהל פון אַ מאָראַלישען עקעל און פעראַכטונג. אונטער אַזעלכע אומשטענדען האָט מען ניט געקענט ערוואַרטען, אַז די סאָפיסטישע מיטלען, אין וועלכע דער פראָקוראָר איז געווען אַזוי רייך, זאָלען מאַכען וואָס פאַר עס איז איינדרוק אויף די געשוואָרענע, וועלכע זיינען מעהר אָדער וויינינער בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער עפענטליכער מיינונג.

די גאַנצע רעדע פון דעם פראָקוראָר איז געווען פוסט און אינהאַלטסלאָז. אַלעס וואָס ער האָט געקענט טהאָן, איז צו בע־הויפטען, אַז די טהעאָרעטיקער פון דעם אַנאַרכיזמוס זיינען די אייגענטליכע פעראורזאַכער פון די טעראָריסטישע טהאַטען, פאָלגליך דאַרף מען אַלע אָנגעקלאָגטע פעראורטהיילען, דערפאַר וואָס זיי זיינען פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלע אַטענטאַטען, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען זייט די לעצטע עטליכע יאָהר צייט. ער האָט אפילו ניט פערזוכט צו בעווייזען, אַז עס האָט יאָ עקזיס־טירט אַ פערבינדונג צווישען די אָנגעקלאָגטע, ווי די אָנקלאַגע האָט בעהויפטעט. עס איז געווען די רעדע פון אַ מיטעלאַלטער־ליכען אינקוויזיטאָר, וועלכער פאָדערט די פעראורטהיילונג פון זיינע אָפּפער, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען שולדיג, זאָנדערן דער־פאַר וואָס מען האָט זיי אָנגעקלאָגט.

מאָנסיע בילאָ האָט זאָגאַר אַטאַקירט פערזאָנען, וועלכע זיינען נאָר ניט געווען פערמישט אין דעם פראָצעס. ער האָט אָנגערופען עליזע רעקלו און בעדויערט, וואָס ער זיצט ניט אויף דער באַנק פון די אָנגעקלאָגטע. נאָר אָם מייסטען האָט ער אַטאַקירט זשאַן גראַוו, סעבאַסטיאַן פאָר, באַסטאַר, בערנאַר און מאַטהאַ. פאַר זיי האָט ער געפאָדערט די שטריינגסטע בעשטראָ־פונג, וועלכע דאָס געזעץ לאָזט נאָר צו. הערר בילאָ האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה, און ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַרגומענטען, האָט ער אַם וויינינסטענס פערזוכט דורך אַקטיאָ־רישע קונצען צו בעאיינפלוסען דאָס פובליקום און די געשוואָרענע; אָבער אויך דאָס איז געווען אומזיסט, און ווען ער האָט זיך צום שלוס פון זיין רעדע געווענדעט צו די אָנגעקלאָגטע מיט די ווערטער: „איהר זייט אַלע פערברעכער!“ האָט ער נאָר געפונען

איין זאך: אייזקאַלטעס שטילשוויינען און אַלגעמיינע פעראַכטונג.

סענט אַבאַן, דער בעריהמטער אַדוואָקאַט פון זשאַן גראַוו, וועלכער האָט איהם שוין פריהער אַזוי גלענצענד פערטהיידינגט, אין זיין פראָצעס וועגען דעם בוך „די אַבשטאַרבענדע געזעל־שאַפט און די אַנאַרכיע,“ האָט צוערשט גענומען דאָס וואָרט נאָך דער רעדע פון דעם פראָקוראָר.

„מיינע העררען! איך וועל דיזעס מאָל ניט האַלטען קיין לאַנגע רעדע; איך וועל זיך ניט בעשעפטיגען מיט ליטעראַטור, פילאָ־זאָפיע, פרינציפּען און טהעאָריען. איך האָב ניט די פעהיגקייט פון דעם פראָקוראָר, און דערפאַר וועל איך אויסשליסליך רעדען פון די טרוקענע פאַקטען.

דריי שטונדען צייט האָט דער פראָקוראָר געדונערט געגען זשאַן גראַוו. ער האָט זיך בענוצט מיט אַלע ווערטער, וועלכע די שפּראַכע קען נאָר אויסגעפינען, אום צו פערריכטען די אַבסאָלוטע פּוסטקייט פון דער אָנקלאַגע און די פערהאַנדלונגען. וואָס האָט איהר פאָרגעבראַכט געגען זשאַן גראַוו? איהר האָט ניט קיין איינציגען עדות, קיין איינציגען בעוויז, איהר האָט אפילו קיין אורזאַכע ניט פאַר אייערע בעשולדיגונגען. אייער גאַנצער אַרגו־מענט איז אַ בראָשורע, וועלכע איז אָנגעשריבען געוואָרען אין 1883, מיט עלף יאָהר צוריק, מען האָט כמעט שוין פערגעסען דעם נאָמען. איהר האָט גערעדט פון פּיני, דיוואַל, ראַוואַשאָל, עמיל האַנרי, איהר האָט צוריקגערופען די בלוטיגע שאָטענס פון די גיליאָטינירטע אין פראַנקרייך, דעם שאָטען פון פּאַליאַס, וועלכער איז דערשאָסען געוואָרען אין באַרצעלאָנאַ; איהר האָט אַפּעלירט צו אַלע געפיהלען, צו שרעק און מיטלייד, נאָר איין זאַך האָט איהר פערגעסען, איהר האָט אונז ניט געזאָגט די פערברעכען, וועלכע זשאַן גראַוו האָט בעגאַנגען.

צו איינעם האָט מען געזאָגט: „דו האָסט אַוועקגעשיקט אַ בריעף“, צו דעם צווייטען: „דו האָסט ערהאַלטען אַ בריעף!“ ס׳איז אמת, דו האָסט קיין זאַך ניט געטהאָן, נאָר דו ביסט געפעהרליך, און אין דעם נאָמען פון די אַלגעמיינע אינטערעסען איז עס נויטווענדיג צו פערגוואַלטיגען די גערעכטיגקייט.

האָבען איבעראַל אַרויסגערופען אַ געפיהל פון אַ מאָראַלישען קעל אין פראַנקרייך. אויסער אַזעלכע אומשטענדען האָט מען ניט געקענט פערשטעהן, אַז די סאָציאַליסטישע מיטלען, אין וועלכע דער פּראָקוראָר איז געווען אַזוי רייך, זאָלען מאַכען וואָס פאַר עס איז איינדרוק אויף די געשוואָרענע, וועלכע זיינען מעהר אָדער ווייניגער בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער עפענטליכער מיינונג.

די גאַנצע רעדע פון דעם פּראָקוראָר איז געווען פוסט און אינהאַלטסלאָז. אַלעס וואָס ער האָט געקענט טהאָן, איז צו בעד־הויפּטען, אַז די טהעאָרעטיקער פון דעם אַנאַרכיזמוס זיינען די אייגענטליכע פערברעכער פון די טעראָריסטישע טהאַטען, פאָלגליך דאַרף מען אַלע אַנגעקלאַגטע פערורטהיילען, דערפאַר וואָס די זיינען פעראַנטוואָרטליך פאַר אַלע אַטענטאַטען, וועלכע האָבען שטאַטגעפונען אין די לעצטע עטליכע יאָהר צייט. ער האָט אפילו ניט פערזוכט צו בעווייזען, אַז עס האָט יאָ עקזיס־טירט אַ פערבינדונג צווישען די אַנגעקלאַגטע, ווי די אַנקלאַגע האָט בעהויפּטעט. עס איז געווען די רעדע פון א מיטעלאַלטער־ליכען אינקוויזיטאָר, וועלכער פאָדערט די פערורטהיילונג פון זיינע אָפּפער, ניט דערפאַר וואָס זיי זיינען שולדיג, זאָנדערן דער־פאַר וואָס מען האָט די אַנגעקלאַגט.

מאָנסיע בילאָ האָט אַפילו אַטאַקירט פערזאָנען, וועלכע זיינען גאָר ניט געווען פערמישט אין דעם פּראָצעס. ער האָט אַנגעגריפען עליזע רעקלו און בעדויערט, וואָס ער זיצט ניט אויף דער באַנק פון די אַנגעקלאַגטע. נאָר אַם מייסטען האָט ער אַטאַקירט זשאַן גראַוו, סעבאַסטיאַן פאָר, באַסטאַר, בערנאַר און מאַטהאַ. פאַר די האָט ער געפאָדערט די שטרענגסטע בעשטראָ־פונג, וועלכע דאָס געזעץ לאָזט נאָר צו. הערר בילאָ האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה, און ווען ער האָט ניט געהאַט קיין אַרגומענטען, האָט ער אַם ווייניגסטענס פערזוכט דורך אַקטיאָ־רישע קונסטען צו בעאיינפלוסען דאָס פּובליקום און די געשוואָרענע; אָבער אַלץ דאָס איז געווען אומזיסט, און ווען ער האָט זיך צום שלוס פון זיין רעדע געווענדעט צו די אַנגעקלאַגטע מיט די ווערטער: „איהר זייט אַלע פערברעכער!" האָט ער גאָר געפונען

איין זאַך: אייזקאַלטעס שטילשווייגען און אַלגעמיינע פֿעראַכטונג.

סענט אָבאַן, דער בעריהמטער אַדוואָקאַט פֿון זשאַן גראַוו, וועלכער האָט איהם שוין פֿריהער אַזוי גלענצענד פֿערטהיידיגט, אין זיין פּראָצעס וועגען דעם בוך „די אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפֿט און די אַנאַרכיע,“ האָט צוערשט גענומען דאָס וואָרט נאָך דער רעדע פֿון דעם פּראָקוראָר.

„מיינע העררן! איך וועל דיזעס מאָל ניט האַלטען קיין לאַנגע רעדע; איך וועל זיך ניט בעשעפֿטיגען מיט ליטעראַטור, פֿילאָזאָפֿיע, פּרינציפּען און טהעאָריען. איך האָב ניט די פֿעהיגקייט פֿון דעם פּראָקוראָר, און דערפֿאַר וועל איך אויסשליסליך רעדען פֿון די טרוקענע פֿאַקטען.

דריי שטונדען צייט האָט דער פּראָקוראָר גערונערט געגען זשאַן גראַוו. ער האָט זיך בענוצט מיט אַלע ווערטער, וועלכע די שפּראַכע קען נאָר אויסגעפֿינען, אום צו פֿעררריכטען די אַבסאָלוטע פּוסטקייט פֿון דער אָנקלאַגע און די פֿערהאַנדלונגען. וואָס האָט איהר פֿאָרגעבראַכט געגען זשאַן גראַוו? איהר האָט ניט קיין איינציגען עדות, קיין איינציגען בעוויז, איהר האָט אפילו קיין אורזאַכע ניט פֿאַר אייערע בעשולדיגונגען. אייער גאַנצער אַרגומענט איז אַ בראָשורע, וועלכע איז אָנגעשריבען געוואָרען אין 1883, מיט עלף יאָהר צוריק, מען האָט כמעט שוין פֿערגעסען דעם נאָמען. איהר האָט גערעדט פֿון פּיני, דיוואַל, ראַוואַשאָל, עמיל האַנרי, איהר האָט צוריקגערופֿען די בלוטיגע שאָטענס פֿון די גיליאָטינירטע אין פֿראַנקרייך, דעם שאָטען פֿון פּאַליאַס, וועלכער איז דערשאָסען געוואָרען אין באַרצעלאָנאַ; איהר האָט אַפּעלירט צו אַלע געפֿיהלען, צו שרעק און מיטלייד, נאָר איין זאַך האָט איהר פֿערגעסען, איהר האָט אונז ניט געזאָגט די פֿערברעכען, וועלכע זשאַן גראַוו האָט בעגאַנגען.

צו איינעם האָט מען געזאָגט: „דו האָסט אַוועקגעשיקט אַ בריעף“, צו דעם צווייטען: „דו האָסט ערהאַלטען אַ בריעף!“ ס'איז אמת, דו האָסט קיין זאַך ניט געטהאָן, נאָר דו ביסט געפֿעהרליך, און אין דעם נאָמען פֿון די אַלגעמיינע אינטערעסען איז עס נויטווענדיג צו פֿערגוואַלטיגען די גערעכטיגקייט.

אָבער איך זאָג אייך, אויב איהר ווילט רעטען די געזעל־שאַפט, דאַן ראַטעוועט פריהער די גערעכטיגקייט, דען אַ געזעל־שאַפט אָהן גערעכטיגקייט איז אַ קערפּער אָהן אַ נשמה.

אום צו פערוראַטהיילען די אָנגעקלאַגטע האָט מען אַריינ־געמישט אין דיזען פּראָצעס די האַנדלונגען פון אַזעלכע מענשען, מיט וועלכע מענער ווי זשאַן גראַוו און זיינע גענאָססען האָבען קיינמאָל ניט געהאַט די קלענסטע בעציהונגען. מען האָט אונז פאָרגעלייגט גע׳גנב׳עטע יואוועלען און אַנדערע שעהנע זאַכען; נאָר איך פערשטעה ניט דעם סימבאָלישען זין פון דעם (געלעכ־טער). מען האָט אונז געצייגט אַ פלעשעל מיט קוועקזילבער, אום איינינע בעמיקער צו געבען די מעגליכקייט אונז צו צייגען וואָס זיי קענען. אָבער איך פרעג אייך, מיינע העררען, וואָס האָט דאָס אַלעס צו טהאָן מיט דער אָנקלאַגע? נאָר לאָמיר שוין אַוועק־לייגען דיזע אַלע אונזיניגקייטען אָן אַ זייט און זיך בעסער האַל־טען ביי׳ן פונקט.

מען רופט זשאַן גראַוו אַ פערברעכער. מען בעשולדיגט איהם, אַז ער האָט בעלאַנגט צו אַ געזעלשאַפט פון פערברעכער; אָבער ווילט איהר מיר פיליכט זאָגען, וואו עס האָט עקזיסטירט אַזאַ מין געזעלשאַפט? וואָס איז געווען איהר ציעל? צוליעב וואָס האָט זיך גראַוו איינגעשלאָסען אָן איהר? ווער זיינען געווען די איבעריגע מיטגליעדער?

דער פּראָקוראָר האָט פון דאָס ניי אַטאַקירט זשאַן גראַוו׳ס בוך: „די אָבשטאַרבענדע געזעלשאַפט און די אַנאַרכיע.” אָבער וואָס האָט דאָס בוך צו טהאָן מיט דעם יעצטיגען פּראָצעס? גראַוו איז אין 1893 פערוראַטהיילט געוואָרען וועגען זיין ווערק? וואָס ווייטער ווילט איהר פון איהם? ווילט איהר נאָך צולייגען 20 יאָהר קערקער צו זיין ערשטער פערוראַטהיילונג?

דער פּראָקוראָר האָט אונז געוואָלט בעווייזען, אַז דאָס גע־זעץ פון 1893 איז ספּעציעל געמאַכט געוואָרען צו בעשטראָפען די פעראייניגונג צווישען מענשען, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל ניט געזעהן איינער דעם צווייטען און פאַר פערברעכען, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט בעגאַנגען. ניין, מיינע העררען, עס איז

נים די אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע מען פֿערפֿאָלגט, עס איז די אידעע, וועלכע מען וויל אונטערדריקען.

אָבער פֿערגעסט נים, מיינע העררן, אַז אידעען קען מען קיינמאָל נים אונטערדריקען דורך אונגערעכטע פֿערפֿאָלגונגען. ווען זשאַן גראַוו איז איינער פֿון די, וועלכע וועקען אויף די מענשהיים און מאַכען איהר צו געהן פֿאָרווערטס, דאַן איז ער אין דערזעלבער צייט אויך איינער פֿון די, וועלכע ציינען די ליידענדע און אונטערדריקטע מאַסען דאָס לאַנד דער צוקונפֿט, די פֿערשפּראָכענע ערד, אויף וועלכע זיי וואַרטען שוין הונדערטער און הונדערטער יאָהרען. אַזעלכע מענער זיינען די סאָלדאַטען פֿון דעם פֿרייען געדאַנק, און אייערע קערקערס און אונגערעכטיגקייטען וועלען זיי קיינמאָל נים אָבשטעלען אין זייער מאַרש.

איהר ווייסט אַליין, אַז עס האָט נים עקזיסטירט קיין קאָנספּיראַציע צווישען דיזע מענער. איהר ווייסט אַלע, אַז דיזע בעהויפּטונגען זיינען נים מעהר ווי פּוסטע ווערטער, אום אויסצופֿיהרען אַ בעשטימטען צוועק. נון גוט, מיינע הערךן, האָט אַם וויינינסטענס מוטה, אמת'ן מוטה: הערט זיך נים צו צו דעם בעשלוס פֿון די הייגקער, דען איהר זיים געקומען אום צו ריכטען.

און אויב איהר האָט מורא, דאַן פֿערניכטעט דיזע מענער, אָבער פּרעטענדירט נים, אַז איהר האָט זיי געריכטעט. די ערנסטע זאַך, וועלכע איהר קענט בעגעהן, איז צו געבען דער ברוטאַליטעט פֿון אַ הינריכטונג דעם כאַראַקטער פֿון אַ געזעצליכען אורטהייל.

איך האָב געענדיגט און געטהאָן מיין פֿליכט; און יעצט, אויב איהר האָט דעם מוטה צו טהאָן דאָס, וואָס מען פֿאָדערט פֿון אייך, טהוט עס."

***

דיזע רעדע האָט געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק אויף דאָס פּובליקום, וועלכעס האָט אויפֿגענומען די ווערטער פֿון סט. אָבאַן מיט לויטע אַפּלאָדיסמענטען און אַלגעמיינער צושטימונג. און

דאָך זיינען עס נאָר געווען די טרוקענע פֿאַקטען, וועלכע גראַח'ס
אַדוואָקאַט האָט בעהאַנדעלט, צו בעווייזען די גאַנצע לעבער־
ליכקייט פֿון דער אָנקלאַגע. יעדע רעטאָרישע אויספּוצונג וואָלט
נאָר געקענט אָבשוואַכען דעם אַלגעמיינעם איינדרוק.

נאָך סענט אָבאַן האָט סעבאַסטיאַן פֿאָר'ס אַדוואָקאַט, דע־
פּלאַס, גענומען דאָס וואָרט, צו פֿערטהיידיגען זיין קליענט. אויך
זיין רעדע האָט זיך אויסשליסליך בעשעפֿטיגט מיט די איינפֿאַכע
טהאַטזאַכען, וועלכע האָבען אַם בעסטען אויפֿגעדעקט דעם איי־
גענטליכען צוועק פֿון דער אָנקלאַגע.

„דאָס געזעץ פֿון 1893, וועלכעס בילדעט די גרונדלאַגע
פֿון דער הייגטיגער אָנקלאַגע", האָט דעפּלאַס ערקלעהרט, קען
גאָר ניט אָנגעווענדעט ווערען אין דיזען פּראָצעס, דערפֿאַר וואָס
עס ריכטעט זיך אויסשליסליך געגען אַזעלכע פֿעראייניגונגען,
וועלכע האָבען די אויפֿגאַבע צו פּראַקטיצירען די פּראָפּאַגאַנדאַ
דער טהאַט, אָבער עס ריכטעט זיך קיינמאָל ניט געגען די פּראָ־
פּאַגאַנדאַ פֿון דער אידעע.

ליידער איז דאָס וואָרט „פֿעראייניגונג" אין דיזען פֿאַל זעהר
אונקלאָהר און אונבעשטימט. מעהרערע דעפּוטאַטען האָבען דאָס
אויסדריקליך בעמערקט, ווען דאָס געזעץ איז דיסקוטירט גע־
וואָרען אין פּאַרלאַמענט, און דער מיניסטער איז געווען גע־
צוואונגען צו געבען אַ בעשטימטע ערקלעהרונג. ער האָט געזאָגט:
די בעדייטונג פֿון דעם וואָרט „פֿעראייניגונג" געפֿינען מיר דאָך
שוין אין דעם געוועהנליכען געזעץ: עס איז דאָס קאָמפּלאָט,
דער בעשלוס צו האַנדלען אין דעם זין פֿון אַ פֿערברעכערישען
ציעל. מיינע הערען געשוואָרענע, עקזאַמינירט נור דיזען בעגריף
און פֿערגלייכט איהם מיט דער הייגטיגער אָנקלאַגע. די גאַנצע
אונטערזוכונג, אַלע פֿערהאַנדלונגען און דעבאַטען פֿון דיזען
פּראָצעס האָבען אונז קלאָהר און דייטליך בעוויזען, אַז די אָנ־
קלעגער האָבען ניט קיין אַנדערע אַרגומענטען פֿאַר זייער בע־
שולדיגונג ווי די, אַז זשאַן גראַוו האָט געשריבען בראָשורען און
אַרטיקלען און סעבאַסטיאַן פֿאָר האָט אָבגעהאַלטען אַנאַרכיסטי־
שע פֿערזאַמלונגען; מיט אַנדערע ווערטער מיינט עס, אַז די

אנקלאגע ריכטעט זיך אייגענטליך געגען די מינדליכע און שריפט־ליכע פּראָפּאַגאַנדאַ.

דאָס געזעץ פון 28טען יולי 1894 האָט נאָך געוואָרפען אַ מעהר דייטליכעס ליכט אויף די בעדייטונג פון דעם געזעץ פון 1893. די נייע געזעצע זיינען ענטשטאַנדען דירעקט אונטער דעם איינפלוס פון דעם שרעקליכען אַטענטאַט אין ליאָן. זיי זיינען אָנגענומען געוואָרען נאָך אַ לענגערער דיסקוסיאָן אין פּאַרלאַ־מענט, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף אַלע מיט־גליעדער.

דיזע געזעצע האָבען זיך ניט נאָר געריכטעט געגען די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט, זאָנדערן אויך געגען די פּראָפּאַ־גאַנדאַ פון דער אידעע. נאָך דעם אַטענטאַט אין ליאָן איז מען געגאַנגען אַ שריט ווייטער אין דער פערפאָלגונג—און וואָס פאַר אַ גרויסער שריט איז דאָס געווען. פון דאַן אָן פערפאָלגט מען ניט נאָר די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט, זאָנדען די מינדליכע און שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ, די קאָנספּיראַטיווע פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע ווערט אָנגעפיהרט דורך געהיימע גרופּען, דורך פּריוואַט־געשפּרעכע, און זאָגאַר דורך דער קאָרעספּאָנדענץ.

מען האָט דאַן ערקלעהרט, אַז דאָס געזעץ פון 1893 איז צו שוואַך, צו אונטעכטיג, אַז מען קען עס ניט אָנווענדען געגען די פּראָפּאַגאַנדאַ פון גרופּען, געגען פּריוואַט־פערזאַמלונגען א.ז.וו. מיר האָבען ניט קיין וואָפען, האָט מען געשריען. ניט אונז וואָפען, אום מיר זאָלען זיין אימשטאַנד ניט נאָר צו טרעפען די פּראָפּאַגאַנדיסטען דער טהאַט, נאָר אויך די עפענטליכע פּראָ־פּאַגאַנדאַ, וועלכע איז דער בעסטער מיטעל צו פערשפּרייטען די פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט. פערגרעסערט די בעשטראָפונגען גע־גען די אַנאַרכיסטישע שרייבער און רעדנער. מיר מוזען ערפינ־דען אַ נייעס פערברעכען, אום קיינער זאָל זיך ניט מעהר קע־נען אַרויסדרעהן פון די הענד פון דער גערעכטיגקייט. אָט דאָס זיינען געווען די פאָדערונגען אין יענער צייט. ווען דער פּראָקו־ראָר בילאָ וואָלט דאַן געווען אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, וואָלט ער זיכער צוגערופען דעם מיניסטער: „*בעשטראָפט* די

„פערשטענדיגונג", אַז האָט איהר אַ נייעם פערברעכען!" איינער פון די דעפּוטאַטען, הערר דעראָמעל, האָט אויך ווירקליך געמאַכט דיזען פאָרשלאַג, אָבער דער מיניסטער האָט ערקלערט, אַז מען קען נאָר בעשטראָפען דעם געמיינשאַפטליכען בעשלוס אָדער קאָנטראַקט צו האַנדלען פאַר אַ געוויסען צוועק.

אַם 2טען דעצעמבער, מיינע העררן, האָט דאָס נייע קייזערלייך פערפאָלגט אַלע רעפּובליקאַנער און זיי פערשיקט נאָך לאַמבעסאַ.

דאָס איז געווען איינע פון די גרעסטע נידערטרעכטיגקייטען, וועלכע מיר קענען זיך נאָר פאָרשטעלען; אָבער דאַמאַלסט האָט מען אַם ווייניגסטענס געהאַנדעלט אָפען און פריי, מען איז ניט געווען אַזוי נידעריג היפּאָקריטיש צו געבען דיזען נידערטרעכטיגען פערברעכען דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָצעס, מען האָט איהם ניט בעגאַנגען אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט.

מיינע העררן געשוואָרענע, דאָס וואָס מען פאָדערט היינט פון אייך איז אַ ליגען, אַ געמיינע האַנדלונג, וועלכע וועט זיכער ניט האָבען דעם געווינשטען ערפאָלג. וואַרפט ניט אַוועק אייערע עהרליכע נעמען פאַר אַזאַ שענדליכקייט!"

אויך דיזע רעדע, וועלכע האָט זיך אויסשליסליך בעשעפטיגט מיט דער יוריסטישער אויסלייגונג פון די אויסנאַהמע־געזעצע פון 1893 און 1894, האָט געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף דאָס פּובליקום און די געשוואָרענע. אָבער ווען דער אַדוואָקאַט דעפלאַס האָט זיך נאָך אַמאָל אויפגעהויבען פון זיין פּלאַץ און געפאָדערט דאָס וואָרט פאַר סעבאַסטיאַן פאָר, האָט די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט דערגרייכט דעם העכסטען גראַד.

דער פּרעזידענט האָט דעם אַנאַרכיסטישען אַגיטאַטאָר פריהער נאָך אַמאָל דערמאָהנט, אַז ער וועט איהם פאַר קיין פאַל ניט ערלויבען צו ענטוויקלען זיינע אידעען, אַלעס וואָס ער קען יאָ טהאָן, איז צו רעדען איבער די ריין טעכנישע זייטע פון דער אַנקלאַגע, אום זיך צו פערטהיידיגען. פאָר האָט געענטפערט מיט אַ איראָנישען שמייכעל און האָט זיך געווענדעט צו די געשוואָרענע און צום פּובליקום.

„מיינע העררן! מענשען וועלכע האָבען דאָס אונגליק צו שטעהן פֿאַר'ן געריכט אַלס אָנגעקלאָגטע ערוואַרטען אין אַלגעמיין מיט אונבעשטימטע און מורא'דיגע געפיהלען די שטונדע פֿון זייער אורטהייל. איך פֿאַר מיין פערזאָן ערוואַרט אייער אורטהייל מיט דער גרעסטער רוהיגקייט. איך האָב געוואַרט מיט אונגעדולד וועהרענד דער גאַנצער צייט, וואָס דער פראָקוראָר און די פֿערטהיידיגער האָבען גערעדט, אוֹף דעם מאָמענט, ווען איך אַליין וועל ענדליך האָבען די מעגליכקייט צו ריידען צו עהרליכע, פֿרייע און געוויסענהאַפֿטע מענשען. צו פֿערטהיידיגען זיך אויף וואָס פֿאַר עס איז בעשולדיגונג האָב איך זיך גיט, דען מען האָט אפילו ניט געמאַכט דעם פֿערזוך צו פֿאָרמולירען אַ ריכטיגע אָנקלאַגע געגען מיר; אַלעס וואָס איך דיינק יעצט צו טהאָן איז צו פֿערטהיידיגען מיין עהרע. הערר דעפלאַס, מיין אַדוואָקאַט, האָט קלאָהר און דייטליך בעוויזען, אַז די אָנקלאַגע געגען מיר האָט ניט דעם קלענסטען יוריסטישען פֿונדאַמענט. איך וועל פֿערזוכען צו בעווייזען, אַז די גאַנצע אָנקלאַגע האָט אויך גיט די קלענסטע מאָראַלישע בעגרינדונג. הערר דעפלאַס האָט פֿערטהיידיגט מיין פֿרייהייט, איך וועל פֿערטהיידיגען מיין עהרע, וועלכע איז ביי מיר טהייערער פֿון מיין פערזענליכער פֿרייהייט.

שוין צוואַנציג מאָנאַט צייט, אַז איך זיץ אין געפֿענגניס. וועהרענד צוויי יאָהר צייט בין איך דריי מאָנאַט געווען פֿריי. אַלע איבעריגע מאָנאַטען האָב איך פֿערבראַכט אין געפֿענגניס. ווען איך בין אַלזאָ ווירקליך געווען „פֿעראייניגט" מיט מיינע מיטאָנגעקלאָגטע, אַזוי ווי די אָנקלאַגע בעהויפטעט, בין איך זיכער ניט געווען קיין פינקטליכער מיטגליעד, דערפֿאַר וואָס איך האָב צו אָפֿט פֿערזוימט די „קאָנספיראַטיווע" פֿערזאַמלונגען.

מען האָט מיך בעשולדיגט, אַז איך האָב מינדליך און שריפֿטליך אויפֿגעפֿאָדערט צו בעגעהן אַזעלכע טהאַטען, וועלכע מען בעטראַכטעט אַלס פֿערברעכענס. אָבער מען האָט מיר ניט געציינט איין איינציגע ציילע, וועלכע איך האָב געשריבען, מען האָט מיר ניט אויפֿגעוויזען קיין איינציגעס וואָרט, מיט וועלכען איך האָב זיך בענוצט אין מיינע פֿערזאַמלונגען, וועלכעס זאָל

בעוויזען, אַז איך האָב אויפֿגעפֿאָדערט אַנדערע צו בעגעהן אַטענטאַטען. די פֿערטרעטער פֿון דער אָנקלאַגע ווייסען גאַנץ גוט, אַז איך האָב ניט געהאַט די קלענסטע פּערזענליכע בעציהונגען צו די אַטענטאַטען, וועלכע האָבען שטאַטגעפֿונען, און טראָץ דעם האָט מען בעגאַנגען די אונפֿעראַנטוואָרטליכע אונגערעכטיגקייט מיך צו פֿערשפּאַרען פֿאַר זעקס מאָנאַט צייט אין געפֿענגניס, ניט האָבענדיג די קלענסטע אורזאַכע פֿאַר אַזאַ האַנדלונג. די גאַנצע אָנקלאַגע געגען מיר איז געווען אַ ביטערער אונרעכט און מיין פֿעראורטהיילונג וואָלט מעהר ניט געווען ווי אַ נייע אונגערעכטיגקייט.

און אום צו דערגרייכען דיזעם ציעל האָט מען אָנגעווענדעט אַ קינסטליכען קריעגס־פּלאַן, מען האָט פֿערזוכט צו ערפֿינדען אַ „מאָראַלישע סאָלידאַריטעט" צווישען מיר און די אַטענטאַטען. מען האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, אום מיך פֿאָרצושטעלען אַלס אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון געוואַלט און האַס, וועלכער איז צו קלוג זיך צו קאָמפּראָמיטירען און אין דערזעלבער צייט צו פֿייג אַליין צו האַנדלען און דערפֿאַר הייסט ער אַנדערע טהאָן, וועלכע זיינען פֿאַנאַטיזירט געוואָרען דורך זיינע ווערטער.

מיינע הערען, דאָס איז די שענדליכסטע פֿערלוימדונג, וועלכע איז ווען ערפֿונדען געוואָרען, און איך פּראָטעסטיר געגען דיזע שענדליכקייט מיט דער גאַנצער ענערגיע פֿון מיין אינערליכסטער איבערצייגונג. וואו האָב איך אויפֿגעפֿאָדערט צו בעגעהן געוואַלט־אַקטען און אַטענטאַטען? אונטער וואָס פֿאַר אומשטענדען האָב איך עס געטהאָן? ווען האָב איך עס געטהאָן? וואו זיינען די, וועלכע איך האָב אויפֿגעפֿאָדערט צו בעגעהן אַזעלכע אַקטען? האָט מען געענטפֿערט אויף דיזע פֿראַגען? ניין, און טויזענד מאָל ניין! מען האָט זיך בעגוגענט מיט פּוסטע בעשולדיגונגען, אָבער מען האָט קיין זאַך ניט בעגרינדעט. מען האָט צוגויפֿגעמישט פֿאַנטאַסטישע היפּאָטעזען מיט פּוסטע פֿאָרשטעלונגען און מען האָט דערפֿון פּראָדוצירט אַן אָנקלאַגע געגען מיר. מען האָט פֿערלוימדעט מיין לעבען, מיינע געפֿיהלען, מיינע איבערצייגונגען און מיר צוגעלייגט די ראָלע פֿון אַן אונמענש. עס

איז די העכסטע צייט, אז איך זאָל ענדליך האָבען די מעגליכקייט צו זאָגען ווער איך בין, און וואָס איך דיינק.

מען האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלס אַ מענש, וועלכער רייצט אויף אַנדערע צו געוואַלט-אַקטען. פונקט דאָס געגענטהייל איז ריכטיג. איך האָב שטענדיג געפּריידיגט די סאָלידאַריטעט און האַרמאָניע. דאָס ציעל פון מיין פּראָפּאַגאַנדאַ איז ניט געווען דער האַס, וועלכער האָט אַפּעלירט צו די נידעריגסטע געפיהלען אין מענשען, ווי דער פּראָקוראָר האָט עס פאָרגעשטעלט, גאָר איך האָב אימער פערזוכט צו ענטוויקלען די עדעלסטע און בעסטע געפיהלען און עמפּפינדונגען אין מיינע צוהערער. איך וועל שפּעטער פערזוכען אייך צו געבען אַ קליינעם איבערבליק איבער מיינע פילאָזאָפישע אנשויאונגען; איך וועל אייך זיכער ניט האַלטען קיין פאָרטראַג, אָבער די נויטווענדיגקייט צווינגט מיך, צו ריידען איינינע ווערטער איבער די לעהרע, וועלכע איך פּראָפּאַגאַנדיר צווישען די מאַסען.

איך בין אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר מיינע פערזאַמלונגען; פאָלגליך האָב איך אַ רעכט צו ריידען איבער די אידעען, וועלכע איך האָב ענטוויקעלט אין מיינע פערזאַמלונגען. דער פּראָקוראָר האָט מיך גערופען דער „געשעפטס-רייזענדער פון דער אַנאַרכיע"; זעהר גוט, פאָלגליך מוזט איהר מיר ערלויבען איך זאָל אייך באַטש צייגען די סחורה, מיט וועלכער איך האַנדעל. (געלעכטער)

הערט מיך אויס אָהן האַס און פאָראורטהייל און אורטהיילט אַליין וואָס מען האָט געמאַכט.

מען האָט ערקלעהרט, אַז איך בין מאָראַליש פעראַנטוואָרטליך פאַר די טהאַטען, וועלכע זיינען בעגאַנגען געוואָרען פון מענער, וועלכע האָבען זיך גערופען מיט דעמזעלבען נאָמען ווי איך. אויב דיזע לאָגיק איז ריכטיג, דאַן גיט עס קיין איינציגע אידעע, וועלכע קען פריי פּראָפּאַגאַנדירט ווערען. ווילט איהר אורטהיילען די קאַטהאָלישע קירכע אויסשליסליך נאָך די בלוטיגע מלחמות וועלכע זי האָט אָנגעפיהרט אין דער צייט פון דעם פעאָדאַליזמוס? קענט איהר אָבגעבען אַן אורטהייל איבער דאָס קריסטענטהום, אויב איהר ווילט מעהר ניט זעהען ווי די גרוי-

זאַמקייטען פֿון דער אינקוויזיציאָן? האָט אַ מענש אַ רעכט צו בעהויפּטען, אַז דער „רויטער טעראָר" פֿון 1793 איז געווען די גאַנצע פֿראַנצויזישע רעוואָלוציאָן?

קיין פֿערנינפֿטיגער מענש וועט ניט בעהויפּטען אַזאַ אונזיניגקייט, נאָר אונזערע אָנקלעגער האָבען עס געטהאָן, מיט דעם וואָס זיי האָבען פֿאָרגעשטעלט דעם אַנאַרכיזמוס אַלס אַ טהעאָריע פֿון מאָרד און גנבה.

איהר האָט אין יעדער בעוועגונג פֿערשיעדענע מענשען און פֿערשיעדענע האַנדלונגען. דאָס קריסטענטהום פֿון טאָרקוועמאַדאַ איז ניט דאָס קריסטענטהום פֿון דעם הייליגען פּאול. לאַפֿאַיעט איז געווען אַ רעפּובליקאַנער, אָבער ער איז ניט געווען אַ רעפּובליקאַנער פֿון דער סאָרט ווי זשאַן פּאָל מאַראַט. דער סאָציאַליזמוס פֿון הערר דע מען איז ניט דער סאָציאַליזמוס פֿון זשיל געהד. דאָס זעלבע איז דער פֿאַל מיט דעם אַנאַרכיזמוס. איהר האָט צו אורטהיילען מיין פּראָפּאַגאַנדאַ, מיין אַנאַרכיזמוס, אָבער איהר האָט ניט קיין רעכט מיך צו מאַכען פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר דעם אַנאַרכיזמוס פֿון אַנדערע, אָדער בעסער געזאָגט, פֿאַר די טהאַטען און האַנדלונגען פֿון אַנדערע. מיינע געדאַנקען קענען גאָר בעשטימען מיינע האַנדלונגען, אָבער ניט די האַנדלונגען און געדאַנקען פֿון אַנדערע, פּונקט ווי די אידעען פֿון די אַנדערע קענען ניט בעשטימען מיינע אידעען.

דער פּראָקוראָר האָט אַלע ביכער, אַלע בראָשורען, אַרטיקלען און בריעף, וועלכע איך האָב געשריבען, פֿאַר וואָס האָט ער זיך ניט בענוצט מיט דיזען מאַטעריאַל? וואַרום האָט ער ניט גערעדט קיין וואָרט וועגען דעם? אָט דערפֿאַר וועל איך יעצט פֿערזוכען צו געבען אַ קורצען איבערבליק, איבער דאָס וואָס איך האָב גערעדט און געשריבען."

אין דיזען מאָמענט הויבט זיך אויף דער פּרעזידענט און ערקלעהרט, אַז ער וועט פֿאַר קיין פֿאַל ניט דערלאָזען, אַז סעבאַסטיאַן פֿאָר זאָל ענטוויקלען זיינע טהעאָריען פֿאַר'ן געריכט. פֿאָר האָט געשוויגען פֿאַר אַ מאָמענט, דאַן האָט ער רוהיג פֿאָרטגעזעצט זיין רעדע:

„די ערקלעהרונג פֿון דעם פּרעזידענט ברייננט מיר אין אַ זעהר שלעכטע לאַגע. איך האָב געוואָלט בעקאַנט מאַכען די געשוואָרענע מיט מיינע געדאַנקען, מיט מיינע טיעפֿסטע געפֿיהלען און שטרעבונגען; איך האָב געוואָלט צייגען וואָס פֿאַר אַ קאַריקאַטור מען האָט דאָ געמאַכט פֿון מיר. איך האָב געוואָלט ערקלעהרען מיט אייניגע ווערטער מיינע פֿילאָזאָפֿישע אַנשויאונגען, אום צו ווידערלייגען די לעכערליכע בעשולדיגונג, וועלכע בעהויפּטעט, אַז איך האָב אויפֿגעפֿאָדערט צו רויב און מאָרד. עס איז מיין רעכט, אָבצוגעבען אַזאַ ערקלעהרונג, נאָר מען פֿערמאַכט מיר דאָס מויל. גוט, איך בין געצוואונגען צו שווייגען.

איך וואָלט אייך געקענט צייגען, אַז מיין טהעאָריע איז ניט אויסשליסליך אַ טהעאָריע פֿון צושטעהרונג, זאָנדערן אַ טהעאָריע פֿון אויפֿבויען; אַז די טהעאָריע פֿון האַס און פֿעראַכטונג, וועלכע מען האָט דאָ ענטוויקעלט האָט קיין זאַך ניט צו טהאָן מיט די אַנשויאונגען, וועלכע איך פֿערשטעה אונטער דעם וואָרט אַנאַרכיע. אָבער מען לאָזט מיר ניט ריידען און איך בין אונמעכטיג צו פּראָטעסטירען. נאָר איין זאַך האָב איך נאָך צו ערקלעהרען.

איך בין אַ רעדנער, אַ מאַן פֿון דער עפֿענטליכקייט. איך האָב קיינמאָל ניט בעזוכט קיין פּריוואַט־פֿערזאַמלונגען. אַלע מיינע פֿערזאַמלונגען האָבען שטאַטגעפֿונען אין דער עפֿענטליכקייט, פֿאַר די אויגען פֿון דער פּאָליציי, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געמאַכט דעם פֿערזוך מיך צו שטערען. איך האָב קיינמאָל ניט אַפּעלירט צו די נידעריגע ליידענשאַפֿטען, זאָנדערן צו דעם פֿערשטאַנד פֿון דעם מענשען, אום צו פֿערזיכערן דעם טריאומף פֿון דער וואַהרהייט. דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט דאָ, האָב איך געזאָגט איבעראַל, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, איך האָב קיין זאַך ניט צו בעהאַלטען. איהר האָט געהערט מיינע ווערטער. וואו איז דער האַס, וואו געפֿינט איהר דעם אויסדרוק פֿון מיין גרויזאַמער ווילדקייט? ניין, מיינע העררען, איך בין ניט קיין באַרבאַר, איך בין אַ מענש, וועלכער ליידעט, ווען ער זעהט אַנדערע ליידען, אַ מענש, וועלכער וויינט מיט די אונגליקליכע.

איך בין נים קיין ווילדע חיה, קיין בלומדורשטיגער מינער, וועמענס הארץ איז פול מים האס, און וועלכער האט שטענדיג א דראהונג אויף די ליפען. איך האב שטודירט די נאטירליכע און סאציאלע ערשיינונגען און ענטוויקעלט די עלעמענטען פון א הומאניטערער פילאזאפיע, וועלכע איך האב פראפאגאנדירט אין מיינע רעדען און שריפטען. דאס איז אלעס.

איך בין אימער פארטיג צו טראגען די פולע פעראנטווארט־ליכקייט פאר אלע מיינע האנדלונגען, אבער איך פראטעסטיר מיט מיין גאנצער ענערגיע, ווען מען וויל ארויפלייגען אויף מיר די פעראנטווארטליכקייט פאר די האנדלונגען פון אנדערע.

מען האט ערקלעהרט, אז איך בין א שעף, א פיהרער פון די אנארכיסטען, דערפאר וואס מען האט נים בעגריפען, אז די שטעלונג פון א פיהרער איז אין גאנצען געגען דער אנארכיס־טישער לעהרע, וועלכע איז אזוי אונענדליך פערשידען אין איהרע אינדיווידועלע מאניפעסטאציאנען. ניין, איך בין נים קיין פיה־רער, איך האב קיינמאל נים קאמאנדעוועט אנדערע, און מען האט מיר קיינמאל נים נעפאלגט. מען רופט מיך א פיהרער, מיך, וועלכער האט שטענדיג געפריידיגט דאס גליק דורך דער פרייהייט, מיך, וועלכער האט אימער פראפאגאנדירט דעם אינדיווידואליזמוס! „האנדעלט נאך אייער אייגענער איבערצייגונג; פאלגט נאך די שטרעבונגען פון דער נאטור!" דאס זיינען געוועזען די ווערטער, וועלכע איך האב גערעדט צו מיינע צוהערער. קיין פיהרער, קיין הערר, דאס איז געוועזען די קווינטעסענץ פון אלע מיינע פארטרעגע. איך ערקלעהר מיינע אידעען, אבער איך צווינג קיינעם נים זיי אנצונעהמען. אבער ווען איך ענטוויקעל אן אידעע, וועלכע ענטהאלט אין זיך אונבעשטרייטבארע וואהר־הייטען, און מיינע צוהערער פערשטעהען עס און זיינען איבער־צייגט פון דער ריכטיגקייט פון מיינע ווערטער—איז דאס מיין פעהלער? מען האט געזאגט צו מיר: „אט זיינען דיינע שילער!" (דער רעדנער ווענדעט זיך צו די איבעריגע אנגעקלאגטע) אויב עס געפינט זיך צווישען אייך איין איינציגער, וועלכער האט מיך בעטראכט פאר זיין פיהרער, אדער וועלכער האט בעקומען פון

מיר בעפעהלען, מעג ער אַרויסטרעטען עפענטליך, זיין ערקלעה־רונג וועט איהם זיכער פערשאַפען די סימפּאַטהיע פון די גע־שוואָרענע. אזא ערקלעהרונג וואָלט געווען פאַר איהם די פריי־הייט מיט אַלע איהרע פריידען און האָפנונגען, אין דער צייט ווען ער האָט צו ערוואַרטען דאָס שרעקליכע שווייגען פון קער־קער. אין דעם נאָמען פון וואהרהייט, אין דעם נאָמען פון זיין פרוי, וועלכע ציטערט פאַר זיין שיקזאַל, פון זיינע קינדער, וועל־כע ליידען די ביטערסטע נויט דורך זיין געפאַנגענשאַפט, אַפעליר איך צו איהם, ער זאָל אַרויסטרעטען און זאָגען, אַז ער איז מיין שילער, אַז מיין איינפלוס, מיין אויטאָריטעט, מיין אינספּיראַציאָן האָבען בעשטימט זיינע האַנדלונגען. איך וועל איהם בענשען פאַר זיין ערקלעהרונג. זאָל זיך קיינער ניט צוריקהאַלטען, עס איז גיט מעהר ווי די וואהרהייט, וועלכע איך פאָדער. האָט ניט מורא, אַז איך וועל איהם מאַכען אַ פאָרוואורף. איך וועל אפילו ניט ריידען אַ וואָרט. זאָל ער רעדען.״

דיזע ווערטער מאַכען אַ געוואַלטיגען איינדרוק אויף אַלע־מען. אַלעס איז שטיל ווי אין אַ קבר, אָבער אין די געזיכטער פון אַלעמען שפּיגעלט זיך אָב די אינערליכע בעוועגונג. און סעבאַסטיאַן פאַר זעצט פאָרט זיין רעדע.

„הערר פּראָקוראָר, איהר האָט דאָך געזוכט די מאַניפעס־טאַציאָן פון דער וואהרהייט, איהר מעגט זיין צופרידען.

איך בין אַ מענש, וועלכער האָט געזעהן, געלעזען און פער־שטאַנען. איך בין דער, וואָס אין דער צייט פון שטורם בעמערקט דעם לייכט־טהורם און צייגט אָן מיט זיין האַנד די ריכטונג. איך בין דער, וועלכער טראָגט אין זיין האַנד די זריעה פון וואהרהייט און פערזייט די קערענדלאַך אויף דעם פעלד פון דער צוקונפט. איך בין דער ערפינדער, וועלכער פערעפענטליכט זיין געהיימנים, אום צו בעגליקען די קומענדע דורות. איך בין דער דאָקטאָר, וועלכער זעהט דעם מענשען ליידען פון אַן אונבע־קאַנטער קראַנקהייט, און וועלכער אונטערזוכט די אורזאַכען פון זיין קראַנקהייט, ריזיקירענדיג דערמיט זיין אייגענע געזונדהייט און זיין לעבען. איך בין דער מאַן מיט דעם פרייען געדאַנק,

וועלכער פריידיגט דעם אַטהעאיזמוס אָהנע זיך צו מישען מיט די, וועלכע פלינדערן און פערברענען די קירכען. איך בין דער רייזענדער, וועלכער שטעלט זיך אָב ביין ברעג פון אַ ווילדען טייך, איך זעה ווי דאָס וואַסער שטייגט און שטייגט און זאָג אָן די איבערפלייצונג, וועלכע איז אונפערמיידליך, אויב מען וועט ניט מאַכען דעם ברעג העכער. מיינע הערען, איך זעה דעם טייך פון עלענד און נויט, וועלכער שטייגט און שטייגט, און איך זאָג אייך, אַז ער וועט אין גיכען איבערפלייצען די גאַנצע וועלט, אויב איהר וועט ניט פעררייכטען די אורזאַכען.

איך האָב געענדיגט, נאָר נאָך עטליכע ווערטער איבער מיין לעבען:

איך בין דער זוהן פון אַ בורזשואַ און בין געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אונטער די בעסטע אומשטענדע. איך האָב זיך אָבגעקעהרט פון דעם לעבען, וואָס איך האָב פריהער גע־פיהרט און האָב געלעבט מיט די אָרעמע און עלענדע, אום צו בעשרייבען זייער לעבען מיט די ריכטיגע קאָלירען און מיט דער איבערציינונג פון אַ מאַן, וועלכער האָט אַליין געלעבט אויף זייער שטייגער. איך בין אַוועק ווייט, ווייט פון אַלע פריהערדיגע פריינד, פון אַלע פערלאָרענע סימפאַטהיען; איך האָב קענען געלערנט די פעראַכטונג פון די קרעמער, די אונטערדריקונג פון די נידערטרעכטיגע, די געמיינהייט פון די קליינגייסטיגע. איך האָב דורכגעמאַכט פינף פעראורטהיילונגען, צוואַנציג פערפאָל־גונגען, דריי זומערס האָב איך פערבראַכט אין געפענגניס.

און ווען מען וועט מיר מאָרגען בעפרייען, שטעה איך אָרעם און אָהן אַ שטעלונג אין די פּאַריזער גאַסען, ניט האָבענדיג קיין אַנדער רייכטהום, ווי דאָס געפיהל, אַז איך האָב געטהאָן מיין פליכט, די פרייד פון פערגאַסענע טרעהרען און די האָפנונג אויף אַ בעסערע צוקונפט.

נאָר איין זאַך וועל איך אייך בעטען, מיינע הערען, קיינע האַלבע מאַסרעגלען געגען אונז: אָדער די פרייהייט, אָדער דעם באַניאַ*), דעם באַניאַ מיט זיין שאַנדע, זיין פערצווייפלונג, וואו

*) די שטראָף-קאָלאָניען אין קאַיען, אָדער די „טרוקענע גילאָטינע", ווי מען רופט עס אין פראַנקרייך.

פאולינא פאללאם.

מען פערלירט יעדען טאָג אַ שטיק פון זיין האַרץ, זיין אינטע־ליגענץ, וואו דאָס לעבען איז ניט מעהר ווי אַ גרויזאַמער, לאַנג־זאַמער טויט.

פרייהייט אָדער באַניאַ! דעם באַניאַ, וועלכער איז הונדערט מאָל ערגער פון דעם טויט—דער טויט ענדיגט אַלע פריידען פון לעבען, אָבער ער ענדיגט אויך אַלע ליידען און שמערצען —דעם באַניאַ פאַר אַ מאַן, וועלכער האָט שטענדיג געפיהרט אַ בעשיידענעם און ווירדיגען לעבען. איז דאָס גערעכט?

מיינע העררען געשוואָרענע, איך אַפעליר צו אייער גערעכ־טיגקייטס-געפיהל, איהר וועט בעפרייען אַ מאַן, וועמען קיינע־ר האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו אַרעסטירען."

* * *

ווען סעבאַסטיאַן פאַר האָט געענדיגט זיין רעדע, איז עס געוועזען שטיל ווי אין אַ קבר. דער איינדרוק פון דיזער רעדע איז געוועזען אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט אפילו פערגעסען צו אַפּלאָדי־רען. יעדער איינער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: איז דיזער מאַן אַ פערברעכער, וועלכער פערדינט פערשיקט צו ווערען אויף פופצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר אין אַ פראַנצויזישע שטראָף־קאָלאָניע? און דער ענטפער איז געוועזען: ניין, און טויזענדמאָל ניין! אַזוי רעדט קיין געוועהנליכער פערברעכער; דאָס איז די רעדע פון אַ מאַן מיט אידעאַלע ציעלען און שטרעבונגען, אמת, אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אַנאַרכיסט, אַ מענש, וועלכער איז פאַר־טיג צו אָפּפערן גוט און בלוט פאַר זיינע איבערצייגונגען, אָבער קיין פערברעכער אין געוועהנליכען זין פון וואָרט. פאַר'ס רעדע האָט ענטשידען דעם פראָצעס, זיינע ווערטער זיינען געוועזען דאָס טויטעס-אורטהייל פאַר דאָס שענדליכע קאָמפלאָט פון דער רע־אַקציאָן. סעבאַסטיאַן פאַר איז ניט אימשטאַנד געוועזען צו ענט־וויקלען זיינע אידעען פאַר'ן געריכט, דערפאַר וואָס פייגע, שענד־ליכע אינקוויזיטאָרען האָבען איהם מיט געוואַלט פערמאַכט די ליפּען, אָבער גראַדע דיזע אונטערדריקונג, דיזע ברוטאַלע פער־וואַלטיגונג פון אַ מאַן, וועלכער וויל פערטהיידיגען זיין פריי־הייט, זיין עהרע, זיין אידעאַל געגען די נידערטרעכטיגקייט פון

פֿערקויפֿטע נשמות, גראַדע דאָס האָט נאָך פֿערשטאַרקערט די אַלגעמיינע סימפּאַטהיע פֿאַר די אָנגעקלאָגטע און פֿערגרעסערט דעם האַס געגען יענע געווּסענלאָזע זעלען-פֿערקויפֿערס, וועלכע האָבען זיך גענוּמען די אויפֿגאַבע צוּ פֿערניכטען דאָס לעבען פֿוּן דרייסיג מענער, אַזעלכע מענער, וועלכע האָבען בעלאַנגט צוּ די בעסטע און עדעלסטע כאַראַקטערע פֿוּן זייער צייט.

די אַטאַקען פֿוּן דער אָפּאָזיציאָנעלער פּרעסע האָבען זיך פֿערמעהרט מיט יעדען טאָג. אַם 9טען אויגוּסט איז דער פֿער-אַנטוואָרטליכער רעדאַקטאָר פֿוּן דעם „אַנטראַסיזשאַן" נעשטאַנען פֿאַר'ן געריכט וועגען צוויי אַרטיקלען, וועלכע זיינען ערשינען אוּנטער די נעמען „עקעלהאַפֿט" און „די מענער מיט דער איי-זערנער מאַסקע". ביידע אַרטיקלען האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם פּראָצעס פֿוּן די דרייסיג און אויפֿגעדעקט אַלע שענדליכ-קייטען פֿוּן דיזער געריכטס-קאָמעדיע. דער פּראָצעס איז אָב-געלייגט געוואָרען אויף דעם 31טען אָקטאָבער און האָט זיך געענדיגט מיט דער בעפֿרייאוּנג פֿוּן דעם אָנגעקלאָגטען.*)

*
* *

נאָך פֿאָר'ם רעדע האָט דער פּראָצעס פֿערלאָרען זיין הויפּט-אינטערעסע. אַלע האָבען געפֿיהלט, אַז די געשוואָרענע וועלען ניט פֿעראוּרטהיילען דיזע מענער, און דערפֿאַר האָבען די פֿער-שידענע רעדען פֿוּן די אַדוואָקאַטען נאָר ווייניג פֿעראינטערעסירט די אָנוועזענדע. דיזע רעדען האָבען אַלע נעהאַט דעמזעלבען כאַ-ראַקטער; יעדער אַדוואָקאַט האָט בעוויזען די טעכנישע און מאָ-ראַלישע אוּנמעגליכקייט פֿוּן דער אָנקלאַגע, און דאָס איז זיכער ניט געווען קיין שווערע אַרבייט, דען אין דער ווירקליכקייט האָט זיך די גאַנצע אָנקלאַגע פֿוּן דעם אינקוויזיטאָר בילאָ נאָר גע-שטיצט אויף סאָפֿיסטישע בעהויפּטוּנגען, אָבער זי האָט ניט גע-

*) אויך אין דיזען פּראָצעס האָט די רעאַקציאָנערע רעגירוּנג געשפּילט אַ שרעקליכען טריק. דער שעף-רעדאַקטאָר פֿוּן דעם „אַנטראַסיזשאַן", האַנרי ראָשפֿאָר האָט דאַן געלעבט אין לאָנדאָן אין עקסיל. די ריכטער האָבען בע-פֿרייט דעם פֿעראַנטוואָרטליכען רעדאַקטאָר און האָבען אין דערזעלבער צייט ראָשפֿאָר'ן פֿעראוּרטהיילט צוּ איין יאָהר קערקער ד.ה. צוויי פֿערשידענע אוּר-טהיילען וועגען דיזעלבע אַרטיקלען.

האט די קלענסטע פראקטישע אדער טהעארעטישע בעגרינדונג. די רעאקציאנערען זיינען געווען צו זיכער, זיי האבען גערעכענט, דאס אין אזא שרעקליכער צייט פון אלגעמיינער רעאקציאן וועט מען די אנגעקלאגטע קענען רוהיג פערארטהיילען און קיין שטימע וועט זיך ניט אויפהויבען צו פראטעסטירען. זיי האבען זיך געטוישט, די וואהרהייט און איהרע פערטהיידיגער זיינען געווען מעכטיגער פון דעם ארגאניזירטען ליגען, פאלשקייט און פערלוימדונג: מיט דיזען פראצעס האט זיך די רעאקציאן אליין געגראבען איהר אייגענעם קבר.

דער דריטער טאג פון דעם פראצעס האט זיך געענדיגט מיט די רעדען פון די אדוואקאטען. דער פירטער טאג איז גע־ווען די לעצטע זיצונג, דער טאג פון דעם אורטהייל. באלד נאך דעם ווי די זיצונג איז ערעפענט געווארען, האט זיך דער פרעז־זידענט געווענדעט צו די אנגעקלאגטע מיט די ווערטער: „האט איהר נאך עפעס צו זאגען פאר אייער פערטהיידיגונג?“

זשאן גראוו האט זיך אויפגעהויבען און האט געריכטעט די פאלגענדע ווערטער צו די געשווארענע:

„מיינע הערען! ערלויבט מיר, אייך פארצולעזען א פאר צייילען. איך בין ניט קיין רעדנער, און איך בעזיץ ניט די קונסט פון אראטאריק; דערפאר וועל איך אייער צייט ניט פערנעהמען מיט א לענגערע רעדע. מיין גאנצעס לעבען איז געווען דאס לעבען פון א מענשען, וועלכער שווייגט. איך האב געשוויגען אין דעם גאנצען פערלויף פון די יעצטיגע פערהאנדלונגען. און איך וועל שווייגען, ווען די אונגערעכטיגקייט וועט מיך פערניכטען, ווען זי וועט ארויפלייגען איהר שווערען יאך אויף מיינע שול־טערען. איך וועל טראגען מיינע ליידען מיט דעם שטאלצען בעוואוסטזיין, אז די סימפאטיע פון בעדייטענדע מענער, פון אויסגעצייכענטע גייסטער איז אויף מיין זייט. איהר מעגט פער־דאמען מיינע שריפטען, אבער יעדער איינציגער פון אייך איז געצוואונגען צו רעספעקטירען מיין כאראקטער און מיין לעבען.

אלע אנשטענדיגע מענשען, צו וואס פאר א פארטיי אדער ריכטונג זיי זאלען ניט בעלאנגען מוזען אנערקענען מיין

עהרליכקייט. ווען מיין אדוואָקאַט האָט מיר געדריקט די האַנד, דאַן איז דאָס פאַר מיר פּונקט אַזוי פיעל ווערטה ווי זיין וואָרט, און איך דאַנק איהם דערפאַר. איך דאַנק אויך אַלע די יענינע, וועל־כע האָבען מיר אויסגעדריקט אין דער עפענטליכקייט און אין דער פּרעסע זייער סימפּאַטיע און פריינדשאַפט.

איך האָב נים פיעל צו רעדען, און איך וועל אויך נים פערלענגערן דיזע דעבאַטען. מען בעשולדיגט מיך צו זיין אַ פער־ברעכער. מיין גאַנצעס לעבען, מיינע עלטערן, מיינע פריינד און מיינע שריפטען שיצען מיך געגען דיזע בעליידיגונג. איך האָב קיינמאָל נים געהאַט צו טהאָן מיט די געריכטען, מיט דער אויסנאַהמע, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט צו פערטהיידיגען מיינע אידעען. מען בעשולדיגט מיך, אַז איך האָב גענומען אַן אַנטהייל אין געהיימע אָרגאַניזאַציאָנען, אין זאָגענאַנטע אַנאַר־כיסטישע קאָנספּיראַציעס. מעהר ווי צוואַנציג אַרטיקלען, וועלכע איך האָב געשריבען, בעווייזען, אַז איך האָב שטענדיג בעקעמפּפט דיזע פאָרמע פון פערבינדונגען. זאָגאַר מיין לעצטער אַרטיקעל, וועלכער איז געווען געריכטעט געגען אַלע דיזע בעשולדיגונגען, איז נים מעהר ווי אַ ווידערהאָלונג פון דיזעלבע אַנזיכטען.

די יוריסטישע זייט פון דער אָנקלאַגע האָט אַלזאָ קיין באָ־דען נים.

קיין מאָראַלישע זייט עקזיסטירט אין גאַנצען נים. מען בע־שולדיגט מיך, אַז איך האָב אָנגעפיהרט אַ שריפטליכע פּראָפּאַ־גאַנדאַ פאַר דעם מאָרד, און די אָנהייגגער פון דעם מאָרד האָבען נים אויפגעהערט מיך צו בעקעמפּפען און מיך גערופען אַ יעזואים, אַ פייגלינג א. ז. וו. דערפאַר וואָס איך בין נים איינשטימיג געווען מיט זייערע אַנזיכטען.

מען בעשולדיגט מיך, אַז איך האָב פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון גנבה, אָבוואָהל איך האָב בעקעמפּפט דיזע טאַקטיק אין אַ גאַנצע סעריע פון אַרטיקלען. מיין קאָמוניזמוס איז דער פון פּרודהאָן. ער בעלאַנגט נים צו דער געשיכטע פון פערברעכען, זאָנדערן צו דער געשיכטע פון'ס מענשליכען געדאַנק. מיין פער־טהיידיגער האָט שוין ערקלעהרט און איך ווידערהאָל נאָך אַמאָל

זיינע ווערטער: איך ערוואַרט אייער אורטהייל מיט אַ פֿאָלקאָ־מענער רוהע און קאַלטבלוטיגקייט."

* * *

זשאַן גראַוו האָט אַליין ערקלעהרט, אַז ער איז ניט קיין רעדנער און זיינע איינפֿאַכע ווערטער האָבען זיכער ניט געמאַכט קיין אָראַטאָרישען איינדרוק; אָבער יעדער אייגער האָט געפֿיהלט, אַז דיזע ווערטער זיינען ניט מעהר ווי די אָבשפּיגלונג פֿון אַ כאַראַקטער, אַ כאַראַקטער בעשיידען און איינפֿאַך, אַ מאַן, וועלכער איז ניט אימשטאַנד צו זאָגען אַ ליגען, און וועלכער וועט קיינמאָל ניט בעהאַלטען זיינע געדאַנקען אונטער סאָפֿיס־טישע ווערטער.

* * *

נאָך זשאַן גראַוו האָט סעבאַסטיאַן פֿאָר נאָך אַמאָל גענו־מען דאָס וואָרט. אין קורצע ווערטער האָט דער אַנאַרכיסטישער רעדנער נאָך אַמאָל צוזאַמענגעפֿאַסט די הויפּט־פּונקטען פֿון דער אַנקלאַגע און בעוויזען זייער לעכערליכקייט, און זיך ווענדענדיג צו די געשוואָרענע האָט ער געענדיגט זיין רעדע מיט די פֿאָל־גענדע ווערטער:

„מיינע הערען! איהר זייט פֿאָטערס פֿון פֿאַמיליען, מיר לי־בען אונזערע קינדער מיט דערזעלבער ליעבע, מיר אַלע האָבען דעם וואונש פֿאַרצובערייטען פֿאַר זיי אַ צוקונפֿט פֿון גליק און וואָהלזיין. מיר ווענדען אָן אַלע אונזערע קרעפֿטע אויפֿצוראַמען די שוויריגקייטען פֿון זייער וועג, און דאָס ציעל און שטרעבען פֿון מיין גאַנצער פּראָפּאַגאַנדאַ איז צו מאַכען דיזען וועג אַזוי שעהן און בּרייט און רייך מיט בלומען ווי נאָר מעגליך, כדי אונזערע ליעבלינגע זאָלען קענען פֿערברייגנען זייער לעבען אין שעהנקייט, פֿרייליכקייט און לוסט.

מיינע הערען, מיר אַלע זיינען פֿערבונדען איינע מיט די אַנדערע אין דעמזעלבען שטרעבען. עס איז וואָהר, אַז אונזערע וועגען זיינען פֿאַרשידען, אָבער ווער פֿון אייך קען בעהויפּטען, אַז זיין וועג איז זיכערער, גיכער און בעסער ווי דער מייניגער?

מיינע הערען! פֿערגעסט ניט, אַז מיר לעבען אין אַ יאָהר־הונדערט פֿון טעכניק און עלעקטריציטעט! זעהט מיט וואָס פֿאַר

א וואונדערבארע שנעלקייט דער מענשליכער געדאנק האט זיך ענטוויקעלט אין אלע פיער עקען פון דער וועלט, וואס פאר א געוואלטיגע ענטוויקלונג דער מענשליכער גייסט, אונזער גאנצע ערציהונג און אונזערע אנשויאונגען האבען דורכגעמאכט זייט די לעצטע הונדערט יאהר צייט! און וואס פאר א שאנדע וועט עס זיין פאר אייך, ווען אונזערע קינדער, פון וועלכע איך האב פריי-הער גערעדט, וועלען אויפוואקסען און שפעטער בעגרייפען די גאנצע טרויעריגע טהאטזאכע, אז אין 1894 האט מען פעראור-טהיילט א מאן, וועלכער האט געהאט דעם מוטה צו פראפא-גאנדירען די ליעבע פאר דער פרייהייט, די אידעע פון דעם אלגעמיינעם וואהלזיין, און וועלכען זיינע ריכטער האבען געשיקט אין באניא פאר דיזעם פערברעכען.

מיינע העררן! איהר זיצט דארט אונטער דעם בילד פון א מאן, וועלכען מען האט צוגענאגעלט צום צלם, און אין זיין נא-מען אורטהיילט איהר איבער רעכט און אונרעכט. אבער ווען די-זער מאן וואלט היינט אויפגעשטאנען תחית המתים פון זיין קבר, וואלט ער זיכער געזאגט צו אייך:

מענשען, ווארפט אייער בליק אויף מיר און זעהט פון וואס פאר א שענדליכען אורטהייל איך בין געווארען אן אפפער. וואס איז געווען מיין פערברעכען? איך בין געקומען צו פריידיגען די מענשען די לעהרע פון הומאניטעט און מענשליכער ווירדע, איך בין געקומען זיי זאגען, אז מיר זיינען אלע קינדער פון דעמזעל-בען פאטער, און אז זיי דארפען זיך ליעבען איינער דעם אנדערן אלס ברידער און שוועסטער. איך בין געקומען זיי צו געבען מוטה, איך האב זיי געפריידיגט די גרויסע לעהרע פון דעם טויזענד-יעהריגען רייך, וואו אלע וועלען זיין גליקליך און פריי.

איך בין געקומען מיט דעם רוף אויף די ליפען: „גרייט זיך צו, דען די צייט איז גיט מעהר וויים!" אבער די פאריזעער, די קעניגע, די פריסטער האבען געפעלשט מיין לעהרע, זיי האבען פערלוימדעט מיינע האנדלונגען און בעשמוצט מיין ראלע. מענ-שען! הערט זיך גיט צו צו די ווערטער פון די פאריזעער, קע-ניגע און פריסטער פון אונזער צייט! פערשפארט מיר דעם שמערץ

און די שאַנדע צו זעהן, ווי עס מאַניפעסטירען זיך פאַר מיינע אויגען דיזעלבע נידערטרעכטיגקייטען, פון וועלכע איך בין געוואָרען אַן אָפּפער!

מיינע הערען! איך בין איבערצייגט, אַז איהר וועט זיך ניט לאָזען בעאיינפלוסען, אַז אייער אורטהייל וועט זיין אַ ריינער, אונאַבהייניגער און גערעכטער אורטהייל!"

***

נאָך סעבאַסטיאַן פאַר האָבען באַסטאַר און בערנאַר נאָך גערעדט אַ פאָר ווערטער. דאַן האָבען זיך די געשוואָרענע צו־ריקגעצויגען אום זיך צו בעראַטהען.

עס איז געווען אַן אונפערגעסליכער מאָמענט, ווען די געשוואָרענע זיינען צוריקגעקומען אין געריכטס־זאַל. וואָס וועט זיין די ענטשיידונג? דיזע פראַגע האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין די אויגען פון אַלעמען. וועט מען דיזע מענער ווירקליך פערשיקען קיין קאיען? וועלען די געשוואָרענע ווירקליך אויספיהרען דאָס פינסטערע ווערק פון דער רעאַקציאָן? אָדער וועלען זיי זיך אַנ־שליסען צו דער עפענטליכער מיינונג פון פאָלק, פון דער ראַדי־קאַלער פּרעסע?

ווען דער ריכטער האָט זיך אויפגעהויבען צו זאָגען דעם אורטהייל איז געוואָרען שטיל ווי אין אַ קבר. פרייהייט אָדער באַגניאָ? עס איז געווען די פרייהייט. אַלע אָנגעקלאָגטע זיינען בעפרייט געוואָרען מיט דער אויסנאַהמע פון די עקספּראָפּריאַ־טאָרם אָרטיז, טשעריקאָטי און בערטאָני. אָרטיז איז פעראורטהיילט געוואָרען צו 15 יאָהר קערקער און טשעריקאָטי צו 8 יאָהר קערקער וועגען רויב און גנבה. בערטאָני איז פעראורטהיילט געוואָרען צו 6 מאָנאַטען געפענגנים און 16 פראַנק געלד־שטראָף, ווייל ער האָט געטראָגען מיט זיך פערבאָטענע וואַפען.

דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָדירט און זאָגאַר די רעאַקציאָ־נערע צייטונגען האָבען ניט קריטיקירט דעם אורטהייל, דען אַלע האָבען געפיהלט, אַז דאָ האַנדעלט זיך אום דעם אויסדרוק פון דעם פאָלקס־ווילען.

אַזוי האָט זיך געענדיגט דער בעריהמטער פּראָצעס פון די

דרייסיג. עס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פֿאַר דער רעאַקציאָן. מיט עטליכע מאָנאַטען שפעטער האָט קאַזימיר פעריע זיך אָב־געזאָגט פֿון זיין אַמט אַלס פרעזידענט פֿון דער רעפובליק און דאָס רעאַקציאָנערע מיניסטעריום דיפואי איז געפֿאַלען. די אויסנאַהמע־געזעצע געגען די אַנאַרכיסטען האָבען ווייטער עקזיסטירט, אָבער קיינער האָט זיך מעהר ניט געקימערט אום זיי.

די פֿראַנצויזישע גענאָסען האָבען זיך באַלד ווידער גענומען צו דער אַרבייט. סעבאַסטיאַן פֿאָר האָט ווידער אָבגעהאַלטען זיינע הערליכע פֿערזאַמלונגען און „לאַ רעוואָלט" און דער „פער פענאַר" זיינען ווידער ערשינען אונטער אַנדערע נעמען: „לאַ רעוואָלט" אונטער דעם נאָמען „לע טאַן נואוואָ" און דער „פער פענאַר" אונטער דעם נאָמען „לאַ סאָסיאַל", ביז ער האָט שפעטער ווידער אָנגענומען זיין אַלטען נאָמען.

דער פראָצעס פֿון די דרייסיג איז געווען דער עפילאָג פֿון יענער מערקווירדיגער פעריאָדע „פֿון ראַוואַשאָל ביז קאַזעריאָ", אַ געוואַלטיגער עפילאָג און אין דערזעלבער צייט די איינלייטונג פֿאַר אַ נייע פֿאַזע אין דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג.

שלוס בעטראכטונגען.

מיט דעם פראצעס פון די דרייסיג האט זיך געענדיגט אונזער היסטארישע אבהאנדלונג איבער יענע מערקווערדיגע און אינטערעסאנטע עפאכע, וועלכע מיר האבען אנגערופען די „פעריאדע פון ראוואשאל ביז קאזעריא". די יעניגע, וועלכע זיינען בעקאנט מיט די עראייגניסע פון יענער אויסערגעוועהנליכער צייט, האבען זיכער בעמערקט, אז מיר האבען פיעלע קלענערע פראצעסען ניט דערמאהנט, ווי צ. ב. ש. דער פראצעס פון לעאטיע, וועלכער האט פערזוכט צו טויטען דעם סערבישען אמבאסאדאר אין פאריז, פון מעניע, וועלכער איז פערארטהיילט געווארען צו לעבענס־לענגליכען קערקער, ווייל זיינע היטער האבען איהם געמאכט פעראנטווארטליך פאר די עקספלאזיאן אין קאפע ווערי, וואו ראוואשאל איז ארעסטירט געווארען, א. ז. וו. אבער אזעלכע אויספיהרליכקייטען זיינען פאר אונז געוועזען אונמעגליך, ווייל דער פלאץ איז געוועזען צו בעשריינקט, און אונזער גאנצע אבזיכט איז געוועזען צו געבען א גרויסעס בילד פון יענער טעראריסטישער צייט, וועלכע איז געוועזען אזוי רייך אין אינטערעסאנטע און וויכטיגע איינצעלהייטען.

עס איז אויך נאך נייטיג צו בעמערקען, אז דער גייסט פון יענער פעריאדע האט זיך ניט נאר מאניפעסטירט אין פראנקרייך אליין, זאנדערן אויך אין אלע אנדערע לענדער, הויפטזעכליך אין שפאניען. עס איז געוועזען א שטורם־פעריאדע אין פולען זין פון ווארט, און פיעלע אפטימיסטישע גייסטער האבען געדיינקט, אז דיזע צאהלרייכע אטענטאטען זיינען שוין די אנזאגער פון דער נאהנטער רעוואלוציאן.

אין באַרצעלאָנאַ האָט פּאַליאַס געשליידערט צוויי באָמבען אויף דעם גענעראַל מאַרטינעס קאַמפּאָס, דעם „שפּאַנישען נאַ־ליפּע", וועלכער האָט אין דער קאָמונאַליסטישער רעוואָלוציאָן אין 1873 געשפּיעלט אַן עהנליכע ראָלע ווי דער מאַסען־מערדער גאַליפּע נאָך דעם אונטערגאַנג פון דער פּאַריזער קאָמונע. פּאַליאַס האָט בעצאָהלט זיין מוטהיגע טהאַט מיט זיין לעבען און איז געשטאָרבען דורך די קוילען פון די זעלנער מיט אַ זעלטע־נער קאַלטבלוטיגקייט און ענערגיע. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט סאַלוואַדאָר פראַנטש געשליידערט זיינע צוויי באָמבען אין דאָס ליסעאָ־טהעאַטער אין באַרצעלאָנאַ, אום צו נעהמען ראַכע פאַר פּאַליאַס, מיט וועלכען ער איז פּערזענליך בעפריינדעט געוועזען. אָבער דיזע טהאַט האָט ניט געפונען דעם אָבקלאַנג אין דער שפּאַנישער בעפעלקערונג ווי דאָס אַטענטאַט פון פּאַליאַס, דערפאַר וואָס זי איז געוועזען אַ גוט מאָטיווירטע טהאַט, זי האָט זיך גיט געריכטעט געגען מענשען, וועלכע זיינען אַלגעמיין בעוואוסט און פערהאַסט ביי די מאַסען. די טהאַט פון פּאַליאַס איז אויפגענומען געוואָרען מיט אַזאַ ענטהוזיאַזמוס אין שפּאַניען, אַז אין אייניגע וואָכען צייט האָט מען קאָלעקטירט איבער 20.000 פּעסעטאַס פאַר די פאַמיליע פון דעם טעראָריסט, און די רעגי־רונג האָט נאָר געמאַכט אייניגע אַרעסטען, אָבער זי האָט זיך אָבגעשראָקען פון וויטערע פערפאָלגונגען. אָבער פראַנטש'ס טהאַט איז גאַנץ אַנדערש אויפגענומען געוואָרען. די עפענטליכע מיינונג איז געוועזען געגען איהר, און די רעגירונג האָט באַלד אויסגענוצט די גינסטיגע לאַגע און האָט געשאַפען דאָס באַר־באַרישע געזעץ געגען די אַנאַרכיסטען, וועלכעס האָט ביז יעצט עקזיסטירט. אין דער זעלבער צייט האָט מען אַרעסטירט צאָהל־רייכע גענאָסען, און אין די אונטעראַירדישע קערקערס פון מאָנטכואיטש האָט זיך אָנגעפאַנגען די ערשטע בלוטיגע טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך מיט עטליכע יאָהר שפּעטער נאָך אַמאָל ווידער־האָלט און אַרויסגערופען אַזאַ געוואַלטיגע אויפרעגונג אין גאַנץ אייראָפּאַ. נאָר דאַמאַלסט האָט די אויסלענדישע פּרעסע אין גאַנ־צען איגנאָרירט דאָס שרעקליכע פערברעכען, וועלכעס די אינק־

ווידמאָרען פֿון מאָנטכואיטש האָבען בעגאַנגען. סאַלוואַדאָר פֿראַנטש, דער אַטענטעטער פֿון דעם ליסעאָ־טהעאַטער אין באַרצעלאָנאַ איז ניט באַלד אַרעסטירט געוואָרען, זאָנדערן ערשט מיט אַ יאָהר נאָך זיין טהאַט. אָבער די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרען האָבען אַרעסטירט אויף רעכטס און לינקס, און אַם 21־טען מאַי 1894 זיינען די אַנאַרכיסטען אַרטשס, בערנאַט, קאַזינאַ, סאַבאַט, סער־סועלאַ, קאַרבאַנעל און מיר דערשאָסען געוואָרען אין די פֿעס־טונגס־גראָבענס פֿון באַרצעלאָנאַ. צוועלף אַנדערע זיינען פֿעראור־טהיילט געוואָרען צו אונמענשליך לאַנגע קערקער־שטראָפֿען. דיזע אַלע מענער זיינען געוועזן אונשולדיג און וייערע הענקער האָבען עס גאַנץ גוט געוואוסט, מען האָט זיי פֿריהער געמאַטערט אויף דעם גרויזאַמסטען אופֿן, אום זיי צו צווינגען, זיי זאָלען זיך מודה זיין פֿאַר טהאַטען, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל ניט בע־גאַנגען.

סאַלוואַדאָר פֿראַנטש איז שפּעטער אַרעסטירט און גאַראָטירט געוואָרען. אום אויסצומיידען די מאַרטערגיש פֿון דער אינקוויזיציאָן האָט ער זיך כלומר'שט פֿאַרגעשטעלט פֿרום און ערקלעהרט, אַז ער גלויבט ווידער אין די לעהרען פֿון דער קאַטהאָלישער קירכע. דיזער מיטעל האָט איהם אויך געהאָלפֿען, מען האָט איהם גוט בעהאַנדעלט ביז צו זיין טויט; נאָר ווען מען האָט איהם געפֿיהרט צו דער גאַראָטע, האָט ער פּלוצלינג אראָבגעוואָרפֿען די מאַסקע און ערקלעהרט, אַז ער איז אַ פֿיינד פֿון אַלע רעליגיאָנען, און אַז ער האָט נאָר געשפּיעלט זיין היפּאָקריטישע ראָלע, כדי מען זאָל איהם ניט מאַרטערן. די גאַנצע שטעלונג פֿון דיזען מאַן קען ניט צוגעגליכען ווערען צו דער עדעלער און נאָבעלער האַלטונג פֿון פּאַליאַס פֿאַר זיינע ריכטער, פּונקט ווי מען קען ניט צוגלייכען זייערע טהאַטען איינע צו די אַנדערע.

אויך אין איטאַליען זיינען פֿאָרגעקומען קלענערע אַטענטאַ־טען אין יענער פּעריאָדע, וועלכע האָבען זיך שפּעטער נאָך אַ לייגערע צייט פֿאָרטגעזעצט, ביז וואַנען זיי האָבען געפֿונען זייער פֿאַרלויפֿיגען אַבשלוס אין דער הינריכטונג פֿון דעם איטאַליענישען קעניג הומבערט דורך דעם אַנאַרכיסט געטאַנאָ ברעשי.

* * *

ווען מיר וואַרפֿען אַ קריטישען בליק אויף יענע פעריאָדע, ד. ה. ווען מיר גיבען זיך די מיהע צו זעהן איהרע גוטע און שלעכטע זייטען און זיינען אויך ניט בלינד פֿאַר איהרע פֿעהלער און שוואַכקייטען, וועלען מיר מוזען צוגעבען, אַז דיזע צייט האָט זעהר פֿיעל ביינעטראָגען צו פֿערשפּרייטען אונזערע אידעען אין ווייטערע קרייזען פֿון דער אַרבייטער־קלאַסע. מענשען, צו וועלכע מיר וואָלטען קיינמאָל ניט צוגעקומען מיט אונזערע צייטונגען און בראָשורען, האָבען פּלוצלינג אָנגעפֿאַנגען זיך צו פֿעראינטערע־סירען מיט די אַנאַרכיסטישע אידעען, דערפֿאַר וואָס די צייטונגען האָבען יעדען טאָג געשריבען איבער אַנאַרכיזמוס און אַנאַרכיסטען. פֿיעלע זיינען געוואָרען נייגיריג און האָבען פֿערזוכט זיך נעהנטער צו בעקענען מיט די אַנאַרכיסטישע טהעאָריען און אַנשויאונגען, הויפּטזעכליך נאָך דעם ווי זיי האָבען געלעזען אין דער פּרעסע די ערקלעהרונגען פֿון די טעראָריסטען פֿאַר׳ן געריכט. טויזענדער נייע קרעפֿטע זיינען געוואונען געוואָרען אין יענער צייט, צוגעבענדיג אין דער זעלבער צייט, אַז עס זיינען ניט אימער געווען די בעסטע.

אָבער דיזע פעריאָדע האָט אויך געהאַט איהרע שאַטען־זייטען, און מיר וואָלטען געווען בעטריגער צו זיך אַליין, ווען מיר וואָלטען זיי איגנאָרירט. אַ געוויסער טהייל פֿון די גענאָסען האָבען איינפֿאַך פֿערלאָרען יעדע פֿעהיגקייט צו מעסטען דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישען ווערטה פֿון פֿערשיעדענע האַנדלונגען און האָבען פֿערזוכט צו ענטוויקלען די אידעע פֿון דעם זאָגענאַנטען „אונמאָטיווירטען טעראָר"; דאָס הייסט מען האָט אָנגעפֿאַנגען די טהאַט אויסשליסליך צו בעאורטהיילען אַלס טהאַט, מען האָט אין גאַנצען איגנאָרירט די אינדיווידועלע פֿערשיעדענהייטען צווישען איינצעלנע טעראָריסטישע אַקטען און צווישען דעם כאַראַקטער פֿון די אַטענטעטער. איינינע האָבען פֿערזוכט צו רעאַליזירען דיזע אונקלאָהרע פֿאָרשטעלונגען אין דער ווירקליכ־קייט און האָבען בעגאַנגען אַ גאַנצע סעריע פֿון קלענערע אָדער בעסער געזאָגט קליינליכע אַקטען, וועלכע האָבען ניט געהאַט די גרינגסטע געמיינשאַפֿטליכקייט מיט די אידעען און טהעאָריען

פון'ם אנארכיזמוס. עס איז היינט ניט מעהר נייטיג זיך צו בעשעפטיגען מיט די איינצעלהייטען פון דיזער „אונמאטיווירטער אקציאן", דערפאר וואס איהרע ווייניגע אנהייננגער זיינען לענגסט פערשוואונדען אין פראנקרייך, עס איז גיט מעהר געווען ווי א קינדער־קראנקהייט אין דער בעוועגונג.

אלע בעקאנטע אנארכיסטישע פראפאגאנדיסטען האבען זיך באלד פון אנפאנג אן ענערגיש ערקלעהרט געגען דיזע האנדלונגען, ווי צ. ב. ש. מאלאטא, גראוו, מאלאטעסטא, פאר, רעקלו, סארען און פיעלע אנדערע; דען אלע דיזע מענער האבען גוט פערשטאנען, אז די טהאט מוז געמאסטען ווערען מיט דעמזעלבען מאסשטאב ווי יעדעס אנדערע פראפאגאנדיסטישע מיטעל. א בוך אדער א רעדע, וועלכע זיינען אונפערשטענדליך פאר די צוהערער, קענען ניט מאכען קיין פראפאגאנדא, און א טהאט, וועלכע ערקלעהרט זיך ניט דורך זיך אליין, א טהאט, וועלכע איז אונבעגרייפליך פאר דער ברייטער מאסע, אזא טהאט קען ניט האבען קיין פראפאגאנדיסטישע ווירקונג, זי קען גאר אבשטויסען, אבער זי קען ניט צוציהען מענשען צו דער בעוועגונג.

עס איז וואהר, אז יעדע טהאט לאזט זיך בעגרייפען ביז צו א געוויסען גראד אלס א פראדוקט פון די סאציאלע אומשטענדע, אין וועלכע מיר לעבען, אבער דאס בעוויזט נאך ניט, אז יעדע טהאט קען אדער מוז פראפאגאנדיסטיש ווירקען פאר א געוויסע אידעע און פאר דעם אלגעמיינעם פראגרעס פון א בעוועגונג.

מיר בעגרייפען די טהאט פון אן אונגליקליכען און פערצווייפעלטען מענשען, ווי גרויזאם און ברוטאל זי זאל ניט זיין, אבער קיין פערנינפטיגער מענש וועט ניט בעהויפטען, דאס אזעלכע האנדלונגען זיינען א פראפאגאנדא דורך די טהאט פאר א בעשטימטע אידעע.

די צייט, דער פלאץ, די אומשטענדע, אונטער וועלכע א טהאט ווערט בעגאנגען שפילען א בעדייטענדע ראלע און בעשטימען מעהר אדער ווייניגער איהר פראפאגאנדיסטישע ווירקונג, און וואס מעהר א מאן, וועלכער איז בערייט צו אפפערן זיין

לעבען פֿאַר אַ געוויסע אידעע, רעכענט זיך מיט דיזע טהאַטזאַ־
כען, אַלס גרעסער וועט זיין דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער ערפֿאָלג
פֿון זיין אַקט.

נאָך אַ וויכטיגער פּונקט דאַרף דערמאָהנט ווערען ביי דיזער
געלעגענהייט. מען קען די ווירקונג פֿון אַ טעראָריסטישען אַקט
אונטערשאַצען אָדער אין גאַנצען איגנאָרירען, אָבער מען קען
אַזעלכע טהאַטען אויך איבערשאַצען און זיי צולייגען צו פֿיעל
בעדייטונג. ביידע אַנשויאונגען זיינען פֿאַלש און מוזען אַרויסרו־
פֿען שלעכטע רעזולטאַטען. און גראַדע די פֿערטרעטער פֿון דעם
„אונמאָטיווירטען טעראָר", וועלכע האָבען דאַן עקזיסטירט אין
פֿראַנקרייך, גראַדע זיי האָבען דעם ווערטה און די בעדייטונג
פֿון אַזעלכע טהאַטען אַזוי פֿיעל איבערשאַצט, אַז זיי זיינען צו־
לעצט גאַנץ בלינד געוואָרען פֿאַר די ווירקליכע אומשטענדע פֿון
לעבען, זיי האָבען אָבגעלייגט זייער גאַנצע טהעטיגקייט אויף די
פּראָפּאַגאַנדאַ דורך אינדיווידועלע טעראָריסטישע אַקטען, און
זייער אַגיטאַציאָן האָט מאַנכעסמאָל געמאַכט אַן אָבשטויסענדען
איינדרוק אויף פֿערניגפֿטיגע מענשען, וועלכע זיינען געווען גענוג
קלוג ניט צו פֿערוועקסלען ווירקליכע מענער דער טהאַט מיט
פּוסטע מויל־העלדען.

ווי אויסגעצייכענט דיזע טהאַטען זאָלען ניט ווירקען ביי
בעשטימטע געלעגענהייטען, ווי פֿיעל מיר זאָלען ניט בעוואונ־
דערן דעם העלדישען מוטה פֿון מענער ווי קאַזעריאָ, וואַיאַן,
ברעשי אָדער אַנזשיאָלילאָ, איין זאַך דאַרפֿען מיר אָבער קיינ־
מאָל ניט פֿערגעסען: דער גרויסער אַקט פֿון דער סאָציאַלער
בעפֿרייאונג וועט קיינמאָל ניט אויסגעפֿיהרט ווערען דורך די
איינצעלנע טהאַטען פֿון איינצעלנע מוטהיגע מענער, זאָנדערן נאָר
דורך די דירעקטע אַקציאָן פֿון די מאַסען. אָט דערפֿאַר ליגט דער
שווערפּונקט פֿון אונזער בעוועגונג אימער אין אונזער פּראָפּאַ־
גאַנדאַ צווישען די מאַסען, אין דעם שטענדיגען שטרעבען דיזע
מאַסען צו רעוואָלוציאָנירען און זיי פֿאָרצובערייטען פֿאַר זייער
עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע בעפֿרייאונג. קיין צווייפֿעל,
אַז די אינדיווידועלע טהאַטען קענען אין דיזער בעציהונג פֿיעל

מיטהעלפען, אבער א בעוועגונג לאזט זיך ניט אויפבויען אויף זיי, זיי זיינען העלפענדע עלעמענטען אין א בעוועגונג, אבער ניט דער פונדאמענט פון א בעוועגונג. ווען וואלט געווען צו א בעוועגונג, וועלכע וואלט נאר אבהייננגיג געווען פון די איינצעלנע טהאטען פון וויינינע מענשען, זי וואלט זיכער ניט געווען קיין אנארכיסטישע.

אבער פונקט אזוי אבסורד וואלט עס געווען, ווען מיר זאלען אבלייקענען די בעדייטונג פון דיזע טהאטען און זיך ערקלעהרען געגען אזעלכע, דערפאר וואס די קאנזעקווענצען זיינען מאנכעסמאל ניט קיין גוטע פאר איינצעלנע פערזאנען. ניין, און טויזענד מאל ניין, מענער ווי ראוואשאל, וואיאן, קאזעריא א.ז.וו. בעלאנגען צו אונז, זיי זיינען פלייש פון אונזער פלייש און בלוט פון אונזער בלוט, זיי זיינען אונזערע גענאסען, און עס וואלט געווען לעכערליך און פייג עס אבצולייקענען. מענער, וועלכע גיבען אוועק זייערע לעבענס פאר זייער איבערצייגונג, מוזען שטענדיג ארויסרופען אונזער רעספעקט, אפילו דאן, ווען מיר זיינען ניט אימער איינשטימיג מיט זייערע האנדלונגען.

*
* *

אונזערע פראנצויזישע גענאסען האבען פאלקאמען פערשטאנען די גרויסע לעהרע פון יענער אויסערגעוועהנליכער פעריאדע. נאך דעם פראצעס פון די דרייסיג האט זיך אנגעפאנגען א לענגערע שטילע פעריאדע אין דער אנארכיסטישער בעוועגונג. אבער גראדע דיזע פעריאדע איז געווען פול מיט ערנסטער אינערליכער ארבייט. די פראגע וועגען דער ארגאניזאציאן איז אימער וואס וויימער אלס ברענענדער געווארען. אזוי לאנג ווי די בעוועגונג איז געווען קליין, איז זי שטארק געווען דורך איהר ריין קריטישע פראפאגאנדא, אבער ווען די בעוועגונג איז געווארען גרעסער און גרעסער, האט זי געמוזט זוכען א פראקטישען אויסדרוק אין דער אלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג. מענער ווי פעלוטיע, פוזשע און אנדערע האבען דאס גוט פערשטאנען; און דערפאר האבען זיי זיך גענומען צו דער געווערקשאפטס־בעוועגונג און האבען

ווידער אויפֿגעלעבט צווישען די אַרבייטער די גרויסע טראַדיציאָ־
נען פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן". אין
ווייניגע יאָהרען האָט דיזע נייע בעוועגונג געמאַכט אַ געוואַלטי־
גען פּראָגרעס. טויזענדער און טויזענדער אַרבייטער זיינען געוואו־
נען געוואָרען פֿאַר דאָס גרויסע ווערק פֿון דער סאָציאַלער בע־
פֿרייאונג און די בעוועגונג האַלט אין איין וואַקסען.

אָבער קוקענדיג אויף דיזע שטאָלצע און מעכטיגע בעווע־
גונג, וועלכע ענטוויקעלט זיך יעצט צווישען דער פֿראַנצויזישער
אַרבייטער־קלאַסע דורך די איניציאַטיווע פֿון די אַנאַרכיסטען,
וועלען מיר קיינמאָל ניט פֿערגעסען יענע שטורמיגע צייט פֿון
ראַוואַשאָל ביז קאַזעריאָ, וועלכע האָט פֿאָרבערייטעט די יעצטיגע
בעוועגונג און איהר געגעבען איהר רעוואָלוציאָנערען און אַנאַר־
כיסטישען כאַראַקטער. אויך דיזעס מאָל זיינען עס ווידער געווען
די פֿראַנצויזישע אַרבייטער, דאָס פּראָלעטאַריאַט, וועלכעס האָט
דורכגעמאַכט פֿיער רעוואָלוציאָנען און דורכגעמאַכט אַלע ליידען
און שמערצען פֿון דער רעאַקציאָן, וועלכע צייגען דער אינטער־
נאַציאָנאַלער אַרבייטער־קלאַסע אַ נייען וועג, אום צו פֿערווירק־
ליכען די גרויסע פֿאָדערונג פֿון אונזער צייט: ברויט און פֿריי־
היט פֿאַר אַלע מענשען־קינדער.

THE UNIVERSITY OF MICHIGAN
GRADUATE LIBRARY

DATE DUE

DO NOT REMOVE
OR
MUTILATE CARD

BUHR A
a39015 01808167 2b

This is a digital copy of a book that was preserved for generations on library shelves before it was carefully scanned by Google as part of a project to make the world's books discoverable online.

It has survived long enough for the copyright to expire and the book to enter the public domain. A public domain book is one that was never subject to copyright or whose legal copyright term has expired. Whether a book is in the public domain may vary country to country. Public domain books are our gateways to the past, representing a wealth of history, culture and knowledge that's often difficult to discover.

Marks, notations and other marginalia present in the original volume will appear in this file - a reminder of this book's long journey from the publisher to a library and finally to you.

Usage guidelines

Google is proud to partner with libraries to digitize public domain materials and make them widely accessible. Public domain books belong to the public and we are merely their custodians. Nevertheless, this work is expensive, so in order to keep providing this resource, we have taken steps to prevent abuse by commercial parties, including placing technical restrictions on automated querying.

We also ask that you:

+ *Make non-commercial use of the files* We designed Google Book Search for use by individuals, and we request that you use these files for personal, non-commercial purposes.
+ *Refrain from automated querying* Do not send automated queries of any sort to Google's system: If you are conducting research on machine translation, optical character recognition or other areas where access to a large amount of text is helpful, please contact us. We encourage the use of public domain materials for these purposes and may be able to help.
+ *Maintain attribution* The Google "watermark" you see on each file is essential for informing people about this project and helping them find additional materials through Google Book Search. Please do not remove it.
+ *Keep it legal* Whatever your use, remember that you are responsible for ensuring that what you are doing is legal. Do not assume that just because we believe a book is in the public domain for users in the United States, that the work is also in the public domain for users in other countries. Whether a book is still in copyright varies from country to country, and we can't offer guidance on whether any specific use of any specific book is allowed. Please do not assume that a book's appearance in Google Book Search means it can be used in any manner anywhere in the world. Copyright infringement liability can be quite severe.

About Google Book Search

Google's mission is to organize the world's information and to make it universally accessible and useful. Google Book Search helps readers discover the world's books while helping authors and publishers reach new audiences. You can search through the full text of this book on the web at http://books.google.com/